Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 35 גראשען

הײנט 18 זײטען.

נײער פאלקסבלאט

Nr. 273/1568	Łódź, Piątek 23 listopada 1928 r.	זעקסטער יאהרגאנג	לאדז, פרייטאג י׳ כסלו תרפ״ט	Nr. 273/1568

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

נוצט אויס די געלעגנהייט!

פון מאנטאג, דעם 26-טען נאוועמבער ביז דעם 5 טען דעצעמבער ד. י. פערקויף איך 50% פון די קאסמעטישע ארטיקלען צו שפאט ביליגע פרייזן

15 ביז 30 פראצענט אונטער׳ן פרייז

Perfumerja S. BUCHWAJC, PIOTRKOWSKA 22
TELEFONY: 31-43 i 59-67.

באמערקונג: יעדער קויפער בעקומט גראטיס א פלאקאן עכט קעלניש וואסער Johan Marja Faryna און א טובקע צאהן פאסטע Chlorodont

---

זאל פון קינא „זאכענטא" 26 זגערזשער 26

מארגען, שבת, 10 אין דערפריה קומט פאר

א גרויסער ארבייטער-מיטינג

פארוואס קומען נישט פאר די וואהלען צו דער קראנקען-קאסע

ארויסטרעטען וועלען די ח״ח: י. ליכטענשטיין, ש. מילמאן, א. זעלמאנאוויטש א. אנד. — איינגאנג פריי! קומט מאסענווייז! — לאדזשער קאמיטעט פון „בונד"

לאגער פון באטען און קאלאשען א.פ. „GUMIPOL"

15 NOWOMIEJSKA 15

עמפפעהלט אויסשליסליך די „GENTLEMAN" אויסארבייטונגען פון דער פירמע

פאבריקס-פרייזען! — הורט- און דעטייל-פערקויף!

מארגען, שבת, דעם 24-טען נאוועמבער פינקטליך 10 א זייגער פריה קומט פאר אין זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

א גרויסער פראטעסט-מיטינג

צוליב׳ן אפלייגן די וואלן צום ראט פון דער קראנקען-קאסע

יודישער ארבייטער-וואהל-קאמיטעט „פועלי-ציון"

ס׳וועלן ארויסטרעטן די חברים: יוסף ראזען (ווארשא), ראטמ. ל. האלענדערסקי, ד״ר ל. שיפמאן, ציטרינאווסקי, בראנד, סטאלארסקי

ארבייטער און אינטעליגענטע קומט מאסענווייז! איינגאנג פריי!

„קרן היסוד" לאדז.

פילהארמאניע-זאל, נארוטאוויטשא 20.

זונטאג, י״ב כסלו, דעם 25. נאוועמבער ד. י., 9 א זייגער אין אווענד קומט פאר

אפיציעלע אקאדעמיע

לכבוד דער ארץ-ישראל דעלעגאציע

מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטן די מיטגלידער פון דער דעלעגאציע:

דירעקטאר לייב יפה מיטגליד פון דירעקטאריום פון קרן-היסוד אין ירושלים און ה׳ שמואל זשוכאוויצקי גרינדער און בויער פון דער קאלאניע מגדיאל אין א״י.

ווי אויך ד״ר מ. וואלדמאן (בערלין), רעד. פון דער „יודישער רונדשוי".

איינגאנגס בילעטען שוין צו בעקומען אין ציוניסטישען ביורא (צעגעלניאנא 4) און אין „התאחדות", שענקעוויטשא 3/5.

9097

אונזער געעהרטען שעף ה׳ א. קימעלפעלד צו דער פערלאבונג פון זיין זוהן ה׳ חיים יצחק מיט פרל. בעלא הענדעלעס ווינשען מיר א הארציגען מזל טוב און דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט.

דאס פערסאנאל פון דער פירמע א. קימעלפעלד

כוס מלא ברכות ובתוכם ברכת מז״ט לאחי חיים יצחק לאירושיו עם מרת בילה הענדעלעס

תהי דרכם סוגה בשושנים.

שלמה קימעלפעלד ואחיו.

Z intencji zaręczyn brata mego

Chaima Izaka

z p. **Belą Hendelesówną**

życzę wiele szczęścia i różowej przyszłości.

Klara Kimelfeldówna,

יודישער פראפ. מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין (דאמען-סעקציע). אלעע 1 מאי 2.

אכטונג, דאמען-מאגאזין!

זונטאג, דעם 25-טען נאוועמבער, פינקטליך 8 א זייגער אווענד קומט פאר

א דרינגענדע פערזאמלונג

ס׳וועלען זיך בעטייליגען פארשטעהער פון ווארשאווער שניידער-מייסטער-פעראיין, כדי צו שליסען א געמיינזאמע אקציע לטובת דעם דאמען-מאגאזין-פאך ווארשא–לאדז.

צוליב דער וויכטיגקייט פון דער פערזאמלונג, טאר קיינער נישט פעהלען.

מיט אכטונג פאך-קאמיסיע פון דאמען-מאגאזין.

גלייכצייטיג קומט פאר שבת, 6 אווענד פערזאמלונג פון מארינארק-פאך.

Z intencji zaręczyn przyjaciół naszych

p. **Zosi Straszówny**

z p. **Symkem Ajzensztajnem**

życzymy wiele szczęścia i różowej przyszłości.

IZAK LITMAN, FROIM GRYNBAUM, HERSZ BERKOWICZ, ARON FINKIELMAN.

אינדישע גומי אויף זוילען

אויך פערטיגע גומענע זוילען אויף לודאוו לאשען אין גרויסען אויסוואהל צו קאנקורענץ-פרייזען עמפפעהלט די פירמא

EICHENBAUM i FAJGENBAUM

Warszawa, Franciszkanska 22 tel. 404-79

SPLENDID

היינט פייערליכע פרעמיערע! היינט פייערליכע פרעמיערע!

„דער מענש פון געלעכטער"

לויט׳ן בעריהמטען ראמאן פון וויקטאר הוגא „L'homme pui rit" – אין די הויפט=ראלען:

KONRAD VEIDT, MARY PHILBIN, Olga Bakłanowa, George Siegman, Cezare Gravina ווי אויך טויזענדער סטאטיסטען

די גרעסטע צייטונגען פון דער וועלט, ווי: „לאנדאן טיימס", „בערלינער טאגעבלאט", „ניו-יארק איווונינג פאסט", „ניו-יארק טיימס" און פיל אנד. האבען געגעבען די בעסטע און ענטוזיאסטישע אפרופען. קאנראד וויידט האט אריינגעגעבען אין דעם דאזיגען פילם איבערמענשליכע ארבייט און געפיהל אין דער געשטאלט פון „מענש פון געלעכטער". מארי פילבין אין דער ראל פון א בלינד מיידעל האט געשאפען אנ׳אויסערגעוועהנליכע בעצויבערנדע געשטאלט מיט איהר מיידעלשען חן און געפיהל. דער פילם דרינגט אריין אין הארצען, נעהמט אדורך און ריהרט טיף. דאס אונשטערבליכע ווערק פון וויקטאר הוגא בעצויבערט מיליאנען אויפ׳ן עקראן פון די גרעסטע קינא-טעאטערס פון דער וועלט.

פאספארטו׳ס אונגילטיג. שבת און זונטאג פון 12—3 נאכמ. פרייזען פון אלע פלעצער 50 גר. און 1 זל.

אנהויב 4.30 נאכמיטאג. מוזיק=אילוסטראציע אונטער דער לייטונג פון ה׳ א. טשודנאווסקי. אנהויב 4.30 נאכמיטאג.

קינא

ביים קאאפעראטיוו פון מלוכה קאמונאלע און געזעלשאפט=ליכע בעאמטע

40 שיענקעוויטשא 40

אנהויב אין געוו. טעג 3.30 נאכמיטאג שבת, זונטאג און יום-טוב 2 נאכמיטאג לעצטער סעאנס 9.30 א זייגער אוועגד.

פון דינסטאג, ד. 20 ביז מאנטאג, ד 26 נאוועמבער איינשליסליך! גרויסער פראכטפולער פראגראם!

„די דאמע און טיגער=מאנטעל"

(קארנאוואל אין ניצע). אונגעוועהנליכע פאסירונגען און געיעג נאך גע׳גנב׳עטע ווערטזאכען. (קארנאוואל אין ניצע).

אין די הויפטראלען:

ELLEN RICHTER, EVI EVA, BRUNO KASTNER i GEORG ALEKSANDER.

דער נעכסטער פראגראם: „הייראטס=וואקציע" אין די הויפטראלען LILJANA HARVEY i HARRY HOLM

אויפ׳ן ערשטען סעאנס זענען די פרייזען פון אלע פלעצער פערקלענערט.

אכטונג, עלעגאנטע הערען!

דערמיט מאך איך בעקאנט דער געעהרטער קונדשאפט, אז אין בעוואוסטען ערשטקלאסיגען

הערען=שניידער=אטעליער

ווערען אויסגעפיהרט אלערליי בעשטעלונגען פון

א. קוטשינסקי פעפער=גאס 20

אנצוגען, פאלטענס, פעלצען, סמאקינגען

פון אייגענע און אנפערטרויטע סחורות לויט די נייעסטע מאדעלען פאר דער פולער צופרידענהייט פון דער געעהרטער קונדשאפט.

רעעלע בעהאנדלונג. פינקטליכע אויספיהרונג. גינסטיגע בעדינגונגען.

A. Kuczyński מיט אכטונג

פעפער=גאס 20, (איינגאנג פראנט)

2695

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דער ג׳ קונדשאפט, אז צום איצטיגען ווינטער-סעזאן איז מיין בעוואוסטע **שאמאט=אייווען=פאבריק** פארזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע נייעסטע

שאמאט=אייוועז און קוכעז

די נייעסטע מוסטערן. פינקטליכע און רעעלע אויספיהרונג!

קליינע ראטען אויסצאהלונגען. ביליגער ווי איבעראל!

מיט אכטונג

Firma „PIECPOL"

Piramowicza (Olgińska) 14.

אכטונג, שאכטעל=מאכער!

זונטאג, דעם 25-טען נאוועמבער, 6,30 אוונד, קומט פאר אין לאקאל פון האנדווערקער=קלוב, פאלודניאווא 4

אנ׳אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די מיטגלידער

אין זעהר וויכטיגע פאד=פראגען.

בעמערקונג: צוליב טעכנישע סבות איז נישט מעגליך געווען צו שיקען צו אלע איינלאדונגען, דעריבער קומט אלע מאסענווייז, ווייל עס האנדעלט זיך אין אייערע אינטערעסען.

7692 **די פערוואלטונג.**

צו דער פערלאבונג פון מיין בעסטען פריינד ה׳ **חיים יצחק קימעלפעלד** פון לאדז מיט פרל. **בעלא הענדעלעס** פון קאליש ווינש איך א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט. **ראובן בארנשטיין** און פרוי.

צו דער האכצייט פון אונזער ליבע טאכטער און שוועסטער **חי׳ פריימאן** מיט ה׳ **יצחק צוקערט** וואס איז פארגעקומען מיטוואך, דעם 21 נאוו. ווינשען מיר זיי א גליקליך צוזאמענלעבען מיט פיל נחת. עלטערן, ברודער, שוועסטער

2653 **פריימאן**, גלובנא 46.

Doktór **MICHAŁ ASZ**

אינערליכע און קינדער=קראנקהייטען

צעגעלניאנא 9, טעל. 59=18

2667 נעמט אן פון 9–10 און 4–5 נאכמ.



PIERWSZE ŹRÓDŁO ZAKUPU! NAJWIĘKSZY SKŁAD W POLSCE!

CZĘŚCI ZAMIENNE

FORD i CHEVROLET

WSZYSTKO STALE NA SKŁADZIE

Michelin OPONY ORAZ WSZELKIE INNE MARKI

MASYWY do ciężarowych aut.

Wszelkie **AKCESORJA i DODATKI** w dużym wyborze.

ARTYKUŁY dla budowy karoseryj i wulkanizacji.

DZIAŁ GUMOWY:

WSZYSTKO DO AUTA!

Opony rowerowe. — Śniegowce.
Techniką gumowa. — Biała krepa.
Płyty kaloszowe. — Klej.
Tanie ceny! Szybka obsługa!

ODSPRZEDAWCOM RABAT.

Jeneralna Reprezentacja BERSON, Łódź Narutowicza 16.

M. Rosental i Ch. Tenenblum Jen. Repr. BERSON Narutowicza 16, Telefon 28-30.

א הערצליכען מזל=טוב

ווינשען מיר אונזער ליבען שוואגער **יעקב שמואל זילבער** שוועסטער/שוועגערין **רבקה** צוליב׳ן געבורט פון זייער ערשטער טאכטער און מיר ווינשען זיי א לייכטע ערציהונג.

7619 **אברהם בלאכמאן** און פרוי.

בעקאנטמאכונג

דער קליינהענדלער=פעראיין אין לאדז, פיעטריק. 6 מאכט בעקאנט אלע מיטגלידער, אז פון דינסטאג, דעם 27-טען נאוועמ. ווערט ערטיילט גאנץ אומזיסט פאר 1928

יורידישע עצות

יעדען דינסטאג פון 8—9 אוונד, דורך בעוואוסטע אדוואקאטען

די פערוואלטונג.

קאלאניאל-קליינהענדלער-פערבאנד

(צעגעלניאנא 15) מעלדעט זיינע מיטגלידער, ווי אויך אלע קאלאניאל-סוחרים, אז עס איז ערשינען

דער צעגניק № 13 מיט נייע פרייזען.

כדי אויסצומיידען פראטאקאלען, ראטען מיר וואס גיכער זיך צו בעזארגען מיט דעם נייעם צעגניק.

דערמיט ווערט דער צעגניק נומ׳ 12 ערקלערט פאר אונגילטיג. 7897 די פערוואלטונג.

Dr. HELLER

ספעציאליסט פאר הויט-און וועגערישע קראנקהייטען.

2 נאווראט 2

נעהמט אן ביז 10 פריה, 1—2 און פון 4 8 אוו. פאר פרויען ספעציעל פון 4 5 נאכמיטאג. פאר אונבעמיטעלטע רעדוצירטע פרייזען.

צוריקגעקעהרט.

צו פערמיטען

א געוועלב

אויף נאוואציעסקא גאס אין הויף. צו ערפאהרען ביי **מ. ה. ווראבלעווסקי** נאוואמיעסקא 21.

א שותף מיט קאפיטאל

כדי צו פערגרעסערן די עקזיסטירענדע טעקסטיל- און האנדעלס-אונטערנעהמונג פון דער מאנופאקטור-בראנזשע ווערט געזוכט. כ׳האב א ברייטע בעקאנטשאפט און בעציהונגען אין דער דערמאהנטער בראנזשע. אפערטען אונטער „Solidny" אין אדמינ. פון דער צייטונג.

2690

לעכער מאשינאווא

ווערען אנגענומען אויסצוגייהען צו ביליגע פרייזען

ביי **ג. נארדמאן**

29 צעגעלניאנא 29

Dr.

J. POLAKOW

קינדער-קראנקהייטען

מאנטמאנטינער 37a

טעל. 39-75

צוריקגעקעהרט

[illegible]

אונזער געשעצטער פריינדין פרל. **לובא פוקס** צוליב׳ן טויט פון איהר אונפערגעסליכען פאטער נ״ע

אברהם אייזיק

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל. זייט געטרייסט!

סאלא ראטבלאט
ש. ג. ד. ז.

12.000 דאָלאַר פאַר יודישע מעכאַנישע בעקערײען

יודען און די פײערונגען פון לעטלאַנדס 10 יעהריגען יובילײ

ריגע. (יט"א) אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 10-יעהריגען יובילײ פון זעלבסטשטענדיגקײט פון דער לעטלענדישער רעפובליק, האָט אַ געװיסע צאָהל יודען בעקומען אָרדענס צװישען זײ אױך דער שעף פון יודישען בילדונגס-דעפּאַרטאַמענט, אינזשיניער לאַנדױ.

אנשטאַט „תל חי"
— „דער רױטער אָקטיאַבער"

מאָסקװא, 22. (יט"א טעלעגראַפיש) די קאָלאָניע „תל-חי", װעלכע איז געװען אַ חלוציש אױן איז איבערגענערט געװאָרען אױף אַ קאָמוניסטישע האָט איצט בעקומען אַן אַנדער נאָמען, די קאָלאָניע װעט איצט הײסען „דער רױטער אָקטיאַבער", מיט דער קאָלאָניע װעלען איצט אָנפיהרען די קאָמוניסטען, װעלכע זענען אַרױסגעיאָגט געװאָרען פון תל-אביב.

לײבאָר-פּאַרטײ שטיצט די דײטשע מעטאַל-אַרבײטער

לאָנדאָן, 22. (אַטע) נעכטען האָט זיך דאָ בעראַטען די לײבאָר פּאַרטײ װעגען שטיצען די דײטשע מעטאַל-אַרבײטער, װעלכע לײדען פון לאָקאַאוט.

עס איז בעשלאָסען געװאָרען נישט אָנצונעהמען צו רעכט צומאַכען מעטאַלענע זאַכען, װעלכע װערען איבערגעשיקט פון דײטשלאַנד, װאו עס האַלט אָן דער לאָקאַאוט. אַ חוץ דעם איז בעשלאָסען געװאָרען זיך צו בעשטײערן לטובת די דײטשע אַרבײטער װעלכע לײדען פון לאָקאַאוט.

לעגאַליזירט די יודישע האַנד-װערקער-אָרגאַניזאַציע אין א"י.

ירושלים. (יט"א) די ארץ-ישראל-רעגירונג האָט לעגאַליזירט א האַנדװערקער-פערבאַנד, װאָס װעט אַרומנעמען אַלע יודישע האַנדװערקער אין ארץ ישראל. דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער נײער אָר-גאַניזאַציע װעט זיך געפינען אין תל-אביב. אָבטײ-לונג װעלען געגרינדעט װערען אין ירושלים, חיפה און אַנדערע שטעט.

א נײע װאָכען-שריפט אין ירושלים

ירושלים. (יט"א) אין קורצען הױבט אָן אין ירושלים צו ערשײנען אַ נײ הומאָריסטישע װאָ-כענשריפט. די נײע צײטשריפט װעט ערשײנען אונ-טער דער רעדאַקציע פון י. קרניאל.

װאַרשא, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספּאָנדענט) הײנט האָט זיך געזאָלט פאַר'ן אינערן מיניסטעריום פאָרשטעלען אַ דעלעגאַציע פון די לאָדזשער בעקער אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן מעכאַני-זירען די בעקערײען, די דעלעגאַציע איז דורכ'ן אינערן-מיניסטער נישט אױפגענומען געװאָרען.

זונטאָג װעט אין לאָדז פאָרקומען אַ קאָנפער-רענץ פון די בעקער-פעראײנען אין לאָדזשער װאָיע-װאָדזטװע.

דעם 16. דעצעמבער װעט אין װאַרשא פאָר-קומען אַ לאַנדעס-קאָנפערענץ פון די בעקער, אױף דער קאָנפערענץ װעט ענטשידען װערען די פראַגע װעגען די 170.000 דאָלאַר, װעלכע ס'זענען אָנגע-קומען פון אַמעריקא פאַר די יודישע בעקער, כדי זײ צו העלפען מעכאַניזירען זײערע בעקערײען.

פּױלישע נאָטע צו טשעכיען

מאָסקװע, 22. (א. װ.) „איזװיעסטיא" איז מודיע, אַז אין טשעכאָסלאָװאַקישען אױסערן-מי-ניסטעריום איז דערהאַלטען געװאָרען אַ פּױלישע נאָטע, אין װעלכע עס װערט געפאָדערט פון דער טשעכישער רעגירונג צו ליקװידירען די אוקראַ-אינישע עמיגראַציע-אָרגאַניזאַציעס אױף דער טשעכי-שער טעריטאָריע.

פּױליש-סאָװיעטישע אונטערהאַנדלונגען

מאָסקװע, 22. (אַטע) נעכטען איז אַרױסגע-פאָהרען קײן װאַרשא דער בעל יועץ פון דער פּױלי-שער באָטשאַפט, װעלכער װעט אינפאָרמירען זײן רעגירונג װעגען די פּױליש-רוסישע אונטערהאַנדלונ-גען, װאָס זאָלען זיך אָנהױבען אין קומענדיגער װאָך. עס װעלען בעהאַנדעלט װערען די פראַגען װעגען בעשטימען דעם סחורות-קאָנטינגענט פאַר'ן קומענ-דיגען יאָהר.

שטרענגע אױספאָרשונג
װעגען געפּײניגטען יודישען מײדעל אין באָברױסק

ריגא, 22. (יט"א טעלעגראַפיש) אין צו-זאַמענהאַנג מיט דער פּײניגונג פון דעם יודישען מײדעל אין באָברױסק, װעגען װעלכען מיר האָבען געשריבען אין נעכטיגען נומער, האָט די צענטראַל-סאָװיעט-מאַכט אַרױסגעשיקט אַ ספּעציעלע קאָ-מיסיע.

די קאָמיסיע האָט אָפּגעשטעלט דעם פאַבריקס-דירעקטאָר און דעם פאַבריקס-קאָמיטעט און זײערע אַמטען, אױך איז אָפּגעשטעלט געװאָרען אין זײן אַמט דער סעקרעטאַר פון באָברױסקער סאָװיעט.

אַלע בעשולדיגטע זענען אַרעסטירט געװאָרען און זײ ערװאַרט אַ גרױסע שטראָף.

פון װאַרשאַװער שטאָט-ראַט.

װאַרשא, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספּאָנדענט) אױף דער נעכטיגער זיצונג פון שטאָט ראַט האָט געזאָלט בעטראַכט װערען דער פאָרשלאַג װעגען אונצוטרױ-װאָטום געגען פּרעזעס פון שטאָט-ראַט יאַװאָראָװסקי.

דער כאַדעק זאַװאַדסקי האָט פאָרגעלעגט אַלע פאָרשלאַגען װעגען אונצוטרױ זאָלען פעראײניגט װערען.

געגען דעם פאָרשלאַג האָבען געשטימט: סאַ-נאַציע, יודען און פ.פ.ס. אַזױ-אַרום איז דער פאָר-שלאַג װעגען אונצוטרױ בטל געװאָרען.

מיניסטעריען ראַט װעגען מלוכה-בודזשעט

װאַרשא, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספּאָנדענט) דער מיניסטעריען-ראַט האָט הײנט אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג, צװ. אַנד. איז אַרומגערעדט געװאָרען דאָס אָפּשליסען די בודזשעט-רעכנונגען פאַר די יאָהרען 1923, 1924 און 1925.

דזשאָינט-געלדער פאַר רע-טונגס-קאָמיטעטען

װאַרשא, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספּאָנדענט) דער „דזשאָינט" האָט אײנגעקאַסירט אין פּױלען פון די קאָאָפּעראַטיװען בענק און אַנד. אינסטיטוציעס 906,000 זל. דאָס געלד איז בעשלאָ-סען געװאָרען צו פערטײלען אַלס הלואה פאַר די פּראָװינצער רעטונגס-קאָמיטעטען.

ארמענישע קאָלאָניזאַציע אין סיריען.

בײרות. (ט"א) דאָ איז אָנגעקומען דער רעלעגאַט פון פעלקערבונד אױגוסט ברונעט. װי בעקאַנט איז אַסיגנירט געװאָרען אַ סומע פון 200.000 פראַנק אױף צו קאָלאָניזירען אַרמענישע היימלאָזע אין סיריען אינצװישען האָבען 1000 אַרמע-נער אױסגעװאַנדערט קײן אַמעריקאַ.

צושטערט א יודישען בית עולם אין װעסטפאַליען

בערלין, 22. (יט"א טעלעגראַפיש) אין שטע-טעל באָרגענשטרײך אין װעסטפאַליען האָבען כולי-גאַנעס פולשטענדיג צושטערט דעם יודישען בית-עולם.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אַז אינ'ם דער-מאָהנטען שטעטעל איז בכלל נישט פערהאַן מעהר קײן יודישע קהלה.

מאַרמאָר-שטײן פון ארץ-ישראל פאַר אמעריקא.

ירושלים, י(ט"א) אין די לעצטע טעג איז געשיקט געװאָרען פון ארץ-ישראל קײן אַמעריקע דער ערשטער טראַנספּאָרט פון מאַרמאָר-שטײן. עס איז נישט געװען בעװאוסט צי דער ארץ-ישראל'-דיגער מאַרמאָר-שטײן װעט זײן צוגעפּאַסט צו אַ קאַלטען קלימאַט. פּאַראַיאָהרען װינטער זענען אין אַמעריקע געמאַכט געװאָרען פּרובען מיט ירושלים'ער מאַרמאָר און ער האָט זיך אַרױסגעװיזען פאַר גוט.

2665

HURTOWY
DETALICZNY
SKŁAD
Perfum, kosmetyków, mydeł toaletowych krajowych i zagranicznych firm
Najtańsze — źródło „KOSMOS"
Łódź, Piotrkowska 60.
Firm egzystuje 25 lat.

לאָדזשער נײעס

מ'מאָהנט שאָדען-ערזאַץ
צוליב די אָפּגעלעגטע װאַהלען אין דער קראַנקען-קאַסע.

(2) װי מיר דערװיסען זיך, האָבען כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס און װאַהל-קאָמיטעטען, װעל-כע האָבען אָנטײלגענומען אין דער פאָרװאַהל-קאַמ-פּאַניע צום ראַט פון דער קראַנקען-קאַסע בעשלאָ-סען אַרױסצוטרעטען מיט אַן'אַקציע געגען דעם פערזיכערונגס-קרײז-אַמט, ער זאָל אומקעהרען די אַגיטאַציאָנס-קאָסטען.

די װאַהלען זענען אָפּגעלעגט געװאָרען אױף אַ װאָך און איצט צום צװײטען מאָל.

די װאַהל-קאָמיטעטען זאָלען האָבען געליטען שאָדען אַ האַלבען מיליאָן זלאָטעס צוליב דעם, װאָס די װאַהלען זענען אָפּגעלעגט געװאָרען אױף אַ װאָך און איצט צום צװײטען מאָל.

א פּאָליטישער פּראָצעס.

(2) אין קרײז-געריכט איז נעכטען בעהאַנ-דעלט געװאָרען דער פּראָצעס געגען דעם 18-יעה-ריגען משה לײב װײנבערג, װעלכער איז געװען בע-שולדיגט אין געהערען צו דער קאָמוניסטישער פּאַר-טײ און אין קאָמוניסטישער אַגיטאַציע.

דאָס געריכט האָט פערמשפּט דעם בעשול-דיגטען אױף דרײ יאָהר טורמע. אַ העלפט פון דער שטראָף איז דעם פערמשפּטען געשענקט געװאָרען צוליב דער אַמנעסטיע.

5 יאָהר שװערע טורמע
פאַר דער'הרג'ענען זײן חבר מיט א שטעקען.

(2) אױף װילאַנאָװסקאַ 18, אין דער װאױנונג פון אַ געװיסער יונג, איז פאָרגעקומען אין אױגוסט חודש אַ פערװײלונג, בעת װעלכער די געסט האָ-בען זיך אַזױ צושלאָגען, אַז אײנער פון די געסט — גוסטאַװ יעסקע, האָט דעם צװײטען — אַנדרושעי פּאָפּלאַװסקי דערלאַנגט עטליכע קלעפּ אין קאָפּ מיט אַ שטעקען און פּאָפּלאַװסקי איז אין אַ האַלבער שעה אַרום געשטאָרבען.

דאָס געריכט האָט נעכטען בעהאַנדעלט דעם פּראָצעס געגען דעם בעשולדיגטען יעסקע און איהם פערמשפּט אױף פינף יאָהר טורמע.

פּלוצלינג געשטאָרבען א לעהרער פון דער ריעאַל-שול.

(2) נעכטען אַרום 10 אַ זײגער אינדערפריה איז אין דער אײגענער װאױנונג אױף נאַדאַנסקאַ 68, פּלוצים געשטאָרבען דער בעװאוסטער און די לאָד-זער לעהרער-ספערען פּראָפעסאָר פון דער העכע-רער ריעאַל-שולע אין לאָדז דער 49-יעהריגער סטאַ-ניסלאַװ קױאַװסקי. די אַרױסגערופענע פּאָגאָטאָװיע האָט שױן נאָר פעסטגעשטעלט דעם טױט.

דער פערשטאָרבענער סטאַניסלאַװ קױאַװסקי האָט אין דער ריעאַל-שול געאַרבײט 22 יאָהר.

נאָך א מורה-הוראה אין לאָדז.

(—) דער מורה-הוראה האַשטאַרק האָט זיך שױן איבערגעצױגען אױף זשעראָמסקיעגאָ 3 און ערפיהלט אַלע פונקציעס פון אַ מורה-הוראה אין לאָדז.

געגרינדעט די גמילות חסדים-קאַסע בײ דער װילקער שוהל.

די װאָך איז געגרינדעט געװאָרען די גמילות-חסדים-קאַסע בײ דער װילקער שוהל. דער ציל פון דער קאַסע איז אַרױסצוגעבען אָהן-פּראָצענטיגע הלואות פאַר די מתפּללים. פערװאַלטונגס-מיטגלי-דער זענען פאָלגענדע: דוד בערנער (פּרעזעס), נ. רובין און שמואל האָכענבערג (װיצע-פּרעזעסען), יעקב ברױנער, יוסף ציגאַמאַן, אברהם יאָסקאָװיטש משה עפּשטײן, משה בערמאַן, יוליאַן װאָלף, דוד װײסװאָהל, װאָלף עפּשטײן, יעקב גאָסטינסקי, הע-נעך ראָבראַניצקי (קאַסירער) און פ. ז. גליקסמאַן (סעקרעטאַר).

בײ נירען, האַרץ, בלאָזען און מאַסט-דאַרם-לײדען

לינדערט דאָס נאַטירליכע ביטערװאַסער פון Franciszka Józefa

אױך העכסטע שטוהל-שװעריגקײטען, קראַנקען - הױז-צײכענישען בעשטעטיגען, אַז דאָס ביטער-װאַסער פון פראַנץ יאָזעף צוליב זײן װאונדערלאָזער פערלײכטערנדער װירקונג איז פאַר אַלט און יונג צום שטענדיגען געברױך נעאײגנט.

צו בעקומען אין אַלע אַפּטײקען און סקלאַד-אַפּטעטשנעס.

בעראַטונג פון לינקען סײם-קלוב װעגען באַדען שטײער.

װאַרשא, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ-רעספּאָנדענט) הײנט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון'ם אַלע גרופּענעס לינקען סײם-בלאָק, אױף דער זיצונג איז בעהאַנדעלט געװאָרען די פראַגע װאָס פאַר אַ בעציהונג זאָל דער בלאָק אָנעהמען צו די נײע געזעץ-פּראָיעקטען װאָס דאַרפען בעהאַנ-דעלט װערען אױף דער פרײטאָגדיגער זיצונג פון סײם. די פּױערים פּאַרטײען (װיזװאָלעניע און די פּױערים פּאַרטײ) האָבען זיך אַרױסגעזאָגט פאַר'ן אָפּװאַרפען דעם געזעץ װעגען באַרעך-שטײער שױן אין דער ערשטער לעזונג, די פּ.פּ.ס. דאַגעגען זענען געװען פאַר'ן איבערשיקען דעם פּראָיעקט אין דער סײם-קאָמיסיע. קײן אײנהײטליכער בעשלוס איז נישט אָנגענומען געװאָרען.

װי ס'איז פאָראױסצוזעהען װעלען אַלע פּױערים-גרופּירונגען, װי אױך די אוקראַאינער און װײסרוסען װעלען שטימען געגען געזעץ-פּראָיעקט, אָבער די מעהרהײט װעט שטימען פאַר'ן איבערשיקען איהם אין דער קאָמיסיע.

ערב װאַהלען צום נײעם רומענישען פּאַרלאַמענט
נײע רעגירונג געשלאָסען א בלאָק מיט די בוקאָװינער און טראַנסילװאַנער ציוניסטען

בוקאַרעשט, 22. (יט"א טעלעגראַפיש) די נײע רעגירונג האָט געשלאָסען אַ װאַהל-בלאָק מיט טראַנסילװאַנער און בוקאָװינער ציוניסטען, לױט דעם אָפּמאַך װעלען די טראַנסילװאַנער ציוניסטען בעקומען 4 מאַנדאַטען און די בוקאָװינער 2. ס'איז נאָך נישט בעװאוסט אױב צו דעם רעגירונגס-בלאָק װעלען אױך צושטעהען די רומענישע אַסימילאַטאָרען („אוניאָן").

די רעגירונג פיהרט אױך אונטערהאַנדלונגען, אַז צום בלאָק זאָלען צושטעהען די סאָציאַל-דעמאָ-קראַטען, אױב דאָס זאָל צושטאַנדקומען, װעלען מצד די ס. ד. פיגורירען די יודישע קאַנדידאַטען ד"ר פיסטינער און אליא מאָסקאָװיטש.

פון קישינעװ װעט קאַנדידירען הרב צירעלסאָן יעדענפאַלס איז זיכער, אַז אין נײעם רומענישען פּאַרלאַמענט װעלען די יודען האָבען אַן'אײגענע פראַקציע.

—:O:—

איהר װעט זײן צופרידען
קױפענדיג ביליג און גינסטיג
אַנ'אױסגעצײכענטען ראַדיא-אָבנעהמער
בײ דער פירמע
RADIO INŻ. J. REICHER i S-ka.
PIOTRKOWSKA 142
TEL. 15-57

קינא-טעאַטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26, בײם פּלאַץ קאָשטשעלני
פון דינסטאַג, דעם 20. ביז מאָנטאַג, דעם 26. ד. ח.
די בעצװינגער פון אָקעאַן
דראַמע אין 10 גרױסע אַקטען.—אין די הױפּט-ראָלען:
WILLIAM BOYD i ELINOR FAIR
אונפערגלײכליכער אױספיהרער פון די הױפּט-ראָלען פון בעריהמטען בילד
א. נ. „בורלאַק פון דער װאָלגאַ".
דער אָרקעסטער איז פּינקטליך צוגעפּאַסט צום בילד אונטער דער לײטונג פון ה' מ. שימקיעװיטש.
פּרײזען פון די פּלעצער: I פּלאַץ—1.20 זל., II פּלאַץ—1 זל., III פּלאַץ—75 גר., באַלקאָן 1.20 זל.
אָנהױב אין געװ. טעג 4.30 אַ זײגער נאָכמיטאָג. שבת און זונטאָג – 1 אַ זײגער נאָכמיטאָג.
נעכסטער פּראָגראַם: „דעם סולטאַנ'ס טעכטערליך"

גרויסע קאָאַליציע אין דײַטשלאַנד

קאַנצלער מילער פיהרט אונטערהאַנדלונגען.

בערלין, 22. (ספּ .טעל.) בעת דער הפסקה אין די זיצונגען פון רייכסטאַג װעט דער קאַנצלער מילער אָפּהאַלטען פערטרױליכע בעראַטונגען מיט די אָנפיהרער פון די פאַרטייען אין דער פראַגע צו שאַפען אַ קאַבינעט פון דער גרויסער קאָאַליציע. די איצטיגע לאַגע איז אָבער נישט גינסטיג אויף אַדורכצופיהרען די דאָזיגע קאָנצעפּציע, צוליב׳ן לעצטען קאָנפליקט אין דער פראַגע פון דער פאַנצערשיף. דער קאַנצלער פּרובט אָבער װייטער גליק צוליב דעם קומענדיגען ביודזשעט, װאָס זעהט פאָר אַ דעפיציט פון 700 מיליאָן מאַרק.

רויב-אָנפאַלען אויף פּאָסט-אַמטען

װאַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש). אין אַנין, הינטער װאַרשאַ איז עהערנעכטען אין אָװענד פאָרגעקומען אַ זעהר דרייסטער באַנדיטען-אָנפאַל.

װען די בעאַמטין פון דער פאָסט מאַריאַ שאַלעװיטש איז געזען בעשעפטיגט מיט׳ן צוגרייטען די אָנגעקומענע קאָרעספאָנדענץ, האָבען זיך אין פאָסט אַמט אַריינגעריסען דריי באַנדיטען או זאיינער איז געבליבען שטעהן פון דרויסען: אַלע פיר האָבען גע־האַט די געזיכטער אַרומגעבונדען מיט שװאַרצע טיכלעך.

די באַנדיטען האָבען צוגעשטעלט װייערע רעװאָלװערען צו די שלייפען פון דער בעאַמטין און אָנגעהויבען צו רויבען. זיי האָבען אָבער אין קאַסע נישט מעהר געפינען װי 37 זלאָטעס און פאַר 200 זלאָטעס פּאָסט-מאַרקען. אַרויסגעהעגריג האָבען די באַנדיטען איבערגעשניטען די טעלעפאָן-דראָטען און אַנטלאָפען.

לעמבערג, 22. (ספּ .טעל.) פערגאַנגענע נאַכט איז אויך פאָרגעקומען אַ׳ן אָנפאַל אויפ׳ן פּאָסט אַמט אין מאָסטי װיעלקיע, הינטער לעמבערג.

די באַנדיטען האָבען פון דער פּאָסט-קאַסע צוגערויבט 12 טויזענד זלאָטעס.

ריזיגע שׂרפה אין מינכען.

בערלין, 22. (ספּ .טעל.) ביי דער נאַכט זאָוניע אין מינכען האָט נעכטען אָנגעהויבען צו ברענען דער קויהלען-זאַפּאַס, װעלכער ליגט אויף אַ פרייען פּלאַץ. דאָס פייער האָט זיך בליץ-שנעל פערשפּרייט און האָט אַרומגענומען דעם גאַנצען זאַפּאַס, װעלכער צעהלט הונדערט טויזענד טאָן. עס זענען מאָבּיליזירט געװאָרען אַלע אָפּטיילונגען פון ד פייערלעשער ביז איצט איז אָבער נאָך די גראַנדיעזע שׂרפה נישט איינגעלאָשען געװאָרען.

ערב אַ נייע סעסיע פון פעלקער-ליגע-ראַט.

גענף, 22. (ספּ .טעל.) די 53-טע סעסיע פון פעלקער-ליגע-ראַט װעט געעפענט װערען דעם 10-טען דעצעמבער. אויף דער זיצונג װעט אויסגעװעהלט װערען אַ נייע רעגירונגס-קאָמיסיע אין סאַאַר-געביט. די מאַנדאַטען פון דער אַלטער קאָמיסיע ענדיגען זיך סוף פון קומענדיגען יאָהר.

די שאַרפע העצע פון די האַקענקרייצלער

געגען דער רעװיזיאָניסטען-קאָנפערענץ אין װיען.

װיען, (יט״א) די האַקענקרייצלער פיהרען װייטער אַ שאַרפע העצע געגען דער רעװיזיאָניסטען קאָנפערענץ, װאָס דאַרף אין חודש דעצעמבער ה. י. אָפּגעהאַלטען װערען אין װיען. די װיענער נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע פערעפענטליכט אַ רייהע אַרטיקלען געגען „פעריודישונג פון װיען״ דורך ציוניסטישע צוזאַמענפאָהרען. אַ׳ן ענטשפּרעכענדע אַגיטאַציע װערט אויך געפיהרט צווישען דער אַקאַדעמישער יוגענד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער העצקאַמפּאַניע, װאָס װאָלט געפאָדערט אָנצונעהמען ברייטע פאָרזיכערונגס-מיטלען, װערט אין די רעװיזיאָניסטישע קרייזען געפּלאַנט צונױפצורופען די קאָנפערענץ אין אַן אַנדער אָרט, װאו די בעראַטונגען װעלען קענען רוהיג אָפּגעהאַלטען װערען אָהן דעם דרוק פון אַנטיסעמיטישען טעראָר.

———:0:———

אַן ערדציטערניש אין אונגאַרן.

בודאַפּעשט, 22. (ספּ. טעל.) אין דער געגענד יאַנער אין אונגאַרן האָט מען נעכטען האַלב 3 ביינאַכט דערפיהלט אַ לייכטע ערדציטערניש. די ערדציטערניש האָט געדויערט פינף סעקונדען. צוזאַמען הערמיט האָט מען געהערט אונטערערדישע שטויסען. די בעפעלקערונג איז אין נעגליזש אַרויסגעלאָפען אויף די גאַסען. די ערדציטערניש האָט נישט אָנגעמאַכט קיין גרויסע שאַדענס.

דערמאָרדעט דעם פּאָליציי-פּרעפעקט אין סאָפיאַ.

סאָפיאַ, 22. (ספּ. טעל.) היינט האַלב 8 אין אין אָװענד איז אויסגעפיהרט געװאָרען אַן אַטענטאַט אויפ׳ן פּאָליציי-פּרעפעקט פּעלעװ. צװיי אונבעקאַנטע מאַספערשוינען האָבען זיך אַריינגעריסען אין אַ געװעלב, אין װעלכען פּעלעװ איז גראָד געװען, האָבען דערהרגעט אַ דינער, װעלכער האָט זיי געװעהרט אַריינצוגעהן, דערנאָך האָבען זיי עטליכע מאָל געשאָסען אויף פּעלעװ׳ן און איהם שװער פערװאונדעט, די אָנפאַלער זענען אַנטלאָפען. פּעלעװ איז אָפּגעפיהרט געװאָרען אין שפּיטאָל װאו ער איז געשטאָרבען.

די מחלוקת װער עס איז שולדיג

אין דער דערװייליגער נישט-געלונגענער יודישער קאָלאָניזאַציע פון בירא-בידזשאַן.

מאָסקװע, (יט״א) די כאַבאַראָװסקער צייטונג „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ גאַזעטאַ״, װעלכע האָט מיט אַ קורצע צייט צוריק אָפּגעדרוקט אַ שװערע בעשולדיגונג געגען דער טעטיגקייט פון „געזערד״ אין בירא-בידזשאַן, האָט איצט פערעפענטליכט אַ צװייטען אַרטיקעל פון דעם פערװאַלטער פון דער אַרבייטער-פויערישער-אינספּעקציע פון װייטען מזרח, ספּאַדאַרין, װעלכער בעריכטעט װעגען זיין אונטערזוכונג פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין בירא-בידזשאַן.

סאַמאַראַרין ערקלערט, אַז מען טאָר נישט פערמיגדערן די נישט-געלונגענע אָנפיהרונג מיט דער אַרבייט מצד די ערד-אָרגאַנען און מצד דעם „געזערד״. די פאַקטען װעגען פיל דעפעקטען און פעהלערען, האָבען זיך אין אַ בערייטענער מאָס בעשטעטיגט. די פעהלערען און דעפעקטען אין דער אַרבייט ערקלערט סאַמאַראַרין דורך אָביעקטיװע סיבות, דאָס שפּעט אָנהויבען די פעלד-אַרבייטען, גרויסע רעגענס, סיבירער עפּידעמיע א.ה.ג. ראַגענען די בעשולדיגונגען אין װילקיר מצד די „געזערד״ פערװאַלטער האָבען זיך נישט בעשטעטיגט.

דער „עמעס״ גיט איבער, אַז אויף אַ זיצונג פון בירא פון דעם קאָנטראָל-קאָמיטעט פון װייטען מזרח, װאָס איז אָפּגעהאַלטען געװאָרען אין כאַבאַראָװסק, איז אויסגעהערט געװאָרען אַ רעפעראַט פון ראַשקעס און פון פערװאַלטער פון דער אַרבייטער-פויערישער אינספּעקציע סאַמאַראַרין, װעגען דעם צושטאַנד פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין בירא-בידזשאַן. אין די רעזאָלוציעס, װאָס זענען אָנגענומען געװאָרען װערט געזאָגט, אַז דער קאָלאָניזאַציע-פּלאַן פאַר׳ן יאָהר 1927[28 איז אויסגעפיהרט אין אַן אונבעדייטענדער טייל. די רעזאָלוציע רעקאָמענדירט להבא שטרענגער אויסקלייבען דעם קאָלאָניזאַטאָרישען עלעמענט. פערזאָרגען די קאָלאָניסטען מיט װאוינונגען, מיט קרעדיט, שפּייז-פּראָדוקטען, סאַניטאַרע און קולטורעלע בעדינונגען.

צום סוף װערט רעקאָמענדירט צוצוציהען היי־יאָהר נייע 400 איבערװאַנדערער, װאָס דאַרפען זיך בעשעפטיגען מיט װאַלד-אַרבייט ביז דעם לאַנדװירטשאַפטליכען פריאָר פון יאָהר 1929.

געשלאָסען אַן אַרביטראַזש-אָפּמאַך

צװישען עבר הירדן און די פראַנצויזישע מאַנדאַט-טעריטאָריעס

ירושלים, (יט״א) דער שטעלפערטרעטער פון נציב-העליון אין ארץ-ישראל ה׳ לוק האָט אונטערגעשריבען אַן אַרביטראַזש-אָפּמאַך צװישען עבר הירדן או די פראַנצויזישע מאַנדאַט-טעריטאָריעס, לויט װעלכען אַלע שטרייט-פראַגען װעלען איבערגעגעבען װערען אַ געמישטער אַרביטראַזש-קאָמיסיע. אויף אַן ענגליכען אופן װעלען אויך אויסגעגליכט װערען די קאָנפליקטען צװישען די פערשידענע שבטים פון ביידע מאַנדאַט-טעריטאָריעס.

געשטאָרבען אַ בעקאַנטער משׂכּיל ירוחמזאָן

מאָסקװאַ, (י.ט.א) אין בעלאַצערקאָװ איז געשטאָרבען אין עלטער פון 74 יאָהר דער בעקאַנטער משׂכּיל ירוחמזאָן.

הערש דוד נאָמבערג.

(צום ערשטען יאָהרצייט).

שוין אַ יאָהר אַװעק, װי נאָמבערג איז געשטאָרבען, אַ יאָהר — װי אין דער יודישער פּרעסע הערען מיר שוין נישט זיין קלוג װאָרט, דאָס קורצע, גוט דורכגעטראַכטע, סטיליסטיש אָפּגעשליפענע און לאַגיש-אויסגעהאַלטענע װאָרט. דער ריהרעװדיגער גייסט זיינער האָט זיך קוים געהאַלטען אין דעם קראַנקען קערפּער, זיינע אויגען האָבען געשטראַהלט מיט לעבעדיגקייט, מיט אימפּעט, מיט װילען; מיט נייגיר האָבען זיי געקוקט אַרום זיך, געזוכט אומעטום עפּעס אַזוינס, װאָס זאָל קענען בעפרידיגען זיין גריבלענדיגען מוח, אויף װאָס זיין בענקענדיגע נשמה זאָל זיך קענען אָפּרוהען.

אָבער דער קראַנקער קערפּער נאָמבערג׳ס איז נישט אימשטאַנד געװען איינצושפּאַנען דעם אומרוהיגען גייסט זיינעם; די װענט האָבען נישט אויסגעהאַלטען און זענען מיט אַמאָל חרוב געװאָרען...

פאַר אונז, נאָמבערגס פריינד און חברים, איז קיין סוד נישט געװען, אַז ער איז קראַנק, געפעהרליך קראַנק. אָבער נאָמבערגס לעבעדיגקייט. זיין לוסט צו לעבען, זיין גלויבען אין זיך, אין זיינע כּחות האָבען גענאַרט איהם אַליין און גענאַרט זיינע פריינד, און ס׳האָט זיך אַזוי געװאָלט גענאַרט זיין. ס׳האָט זיך געװאָלט גלויבען, אַז אפשר טאַקע װעט זיך אָט דער געזונטער גייסט נאָך לאַנג האַלטען אין אָט דעם שװאַכינקען קערפּער...

נאָמבערג׳ן איז נישט בעשערט געװען צו שאַפען װעלכע ס׳איז בעשטימטע ליטעראַרישע שיטה, װאָס די תּלמידים זאָלען געהען אין זיינע װעגען און האַלטען זיינע װערק פאַר ליטעראַרישע מוסטערן. נאָמבערג׳ן איז אויך נישט בעשערט געװען צו געהערען צו אַזאַ שטאַרקער פּאָליטישער פּאַרטיי, װאָס זיין נאָמען פון אַ פיהרער זאָל שטעהן אויסגעקריצט אויף דער פאָהן פון די מאַכען מיטגלידער.

אָבער נאָמבערג האָט געהערט נישט נאָר דער יודישער ליטעראַטור און נישט נאָר איין פּאָליטישער פּאַרטיי, ער האָט געהערט דעם גאַנצען יודישען פאָלק, דער עיקר דעם גאַנצען פּױלישען יודענטום. נאָמבערג האָט דורכגעמאַכט די עװאָלוציע פון אַ קליינשטעטלדיגען חסידישען עלוי ביז אַ אייראָפּעאיש-געבילדעטען יודישען פּאָליטיקער, — דורכגעמאַכט מיט זיין גאַנצער נשמה און מיט׳ן גאַנצען מוח. דאָס װאָרט פּאָלקיזם האָט נאָמבערג אַריינגעפיהרט אין אונזער לעקסיקאָן. אָבער דעם אינהאַלט, דעם מהות האָט ער גענומען פון לעבען, פון די טיפענישען פון די יודישע פאָלקס-מאַסען. און נאָמבערג איז טאַקע געװען דער בעסטער אויסדריקער פון װילען פון יודישען פאָלק, פון זיינע אומבעװאוסטזיניגע שטרעבונגען. און אַלץ, װאָס שטאַמט פון פאָלק, אַלע גייסטיגע שטרעבונגען, װאָס גייען פון די פאָלקס-מאַסען, זענען נאָמבערג׳ן געװען טייער.

נאָמבערג פלעגט זיך טיף אַריינטראַכטען און לעבען און גורל פון׳ם יודישען פאָלק און האָט פריהער פאַר אַלעמען דערזעהען דעם קריזיס, װאָס קומט פאָר אין יודישען לעבען אין צוזאַמענהאַנג מיט די גרויסע סאָציאַלע און פּאָליטישע איבערקעהרענישען, װעלכע אייראָפּע לעבט איבער. נאָמבערגס פרייער געדאַנק האָט געזוכט נייע װעגען, לויט װעלכע דאָס יודישע לעבען דאַרף איצט געהן אומעטום בכלל און אין פּױלען בפרט.

נאָמבערג איז שטענדיג געװען לאָגיש און אויסגעהאַלטען. בנוגע קולטורעלע פראַגען האָט ער געהאַלטען, אַז בלייבענדיג איינגעאָרטעט ביי דער איינענער שפּראַך און איינענער קולטור, דאַרפען די יודען זיך צופּאַסען אויך צו דער אַרומיגער קולטור, אַריינעהמענדיג אין זיך דאָס בעסטע און פּראָגרעסיװסטע פון די פרעמדע קולטורען. דאָס זעלבע דאַרף פאָרקומען אויך אין סאָציאַלען לעבען. נייע היסטאָרישע געשעהענישען, נייע עקאָנאָמישע קאָנצעפּציעס מוזען אויך אַרויסרופען אַן איבערבוי אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער יודישער בעפעלקערונג. דעם גורל פון יודישען פאָלק האָט נאָמבערג בענומען רעאַל, אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיװע, זיך נישט פערנעהמענדיג מיט פאַנטאַזיעס און סבֿרות.

נאָמבערג איז אַרויס פון פאָלק, איז אָרגאַניש פערבונדען געװען דורך טויזענטער פעדים מיט׳ן פאָלק און געזוכט דאָס יודישע פאָלק אומעטום, װו ס׳האָט זיך נאָר געהערט אַ יודיש װאָרט, װאו ס׳האָט געקלונגען די יודישע שפּראַך. פריהער האָט ער געשילדערט טיפען פון קליינע מענשעלעך, נישט נוטיגע, װאָס האַלטען אַליין נישט פון זיך, נישט פון לעבען. אָבער דערנאָך איז נאָמבערג אַליין אַרויס אויף דער גרויסער װעלט און געזוכט און געפונען מאַסען-טיפען, מאַסען-יודען, צי דאָ אין פּױלען, צי אין אויסלאַנד, צי אין אַמעריקע, אַרגענטינע, אין רוסלאַנד, אומעטום, װאו ס׳שלאָגט דער יודישער פאָלקישער דופק, װאו ס׳װאַקסט און עס שפּראָצט אַ ניי לעבען.

שװער איז דער פערלוסט פון נאָמבערג׳ן! נאָך פריש איז דער װייטאָג פון זיין טויט. דער װעג צו זיין קבר איז נאָך נישט פערװאַקסען געװאָרען. דער קבר װאַרט נאָך אויף אַ װערדיגער מצבה, אויף אַ גרויסען פאָלקישען אויפטו װאָס זאָל זיין אַ דענקמאָל נאָך דעם טאַלאַנטפולען שרייבער און פּובליציסט, נאָך דעם ליבען קלוגען מענשען, נאָך הערש-דוד נאָמבערג׳ן.

ד״ר צ. שאַבאַד.

ארט״ זאַכאָדניאַ 43
יודישער קאַמער-טעאַטער
לייטונג: מ. בראָדערזאָן.
היינט- 2 פאָרשטעלונגען: אָנהויב 7.45 (פּאָפּולערע פּרייזען) און 10 אין אָװענד
מאָרגען, שבת — 3 פאָרשטעלונגען: אָנהויב 4 נאָכמ. (פּרייזען פון 75 גר. ביז 3 זל.), 7.45 און 10 אָװענד.
„אַלץ טאַנצט״
1) שטאַרקער פון טויט — אינסצעניזירטע לעגענדע אין 2 אַקטען מיט פּראָלאָג, אינטערמעצצאָ און עפּילאָג.
2) ליבשאַפּט שיפּס. 3) אונזערע קינדער. 4) אין װילדען װאַלד. 5) װען װייבער שװייגען. 6) װאָס יעדער טהוט. 7) אַלץ טאַנצט.
הנהה-בילעטען זענען נישט גילטיג.
ליטעראַר. לייטער: מ. בראָדערזאָן. מוזיק. לייטער: דוד בייגעלמאַן. דעקאָראַציעס און קאָסטיומען — ד. מאַטוס און ש. בלום. קאָנפערענסיער: י. ריינגלאַס און מ. גנעלקען

שפּייזע-, הערן- און שלאָפצימערן
פון פּאַסער-בירקע, אייכען, פּאַלירטען רויזען-האָלץ, קאַװקאַזישער נוסבוים, װי אויך פון אַלע אַנדערע איידעל-האָלץ
קויפט איהר אַמביליגסטען
פאַר מזומן אָדער אויף בעקװעהמע ראַטען צאָהלונג
אין דער מעבעל-פאַבריק
S. Salomonowicz & Co.
Narutowicza 13, tel. 37-60.
לאַנגיעהריגע גאַראַנטיע.
נייעסטע װינער מאָדעלען.

וואס זאגט די רעגירונג צום יקרות?

———:O:———

זייט 1924, ווען פוילען איז אריבערגעגאנגען צו מעהר-וועניג סטאבילע וואליוטע פערהעלטנישען, רוקט זיך די פרייזען-פראגע ארויס אלץ מעהר אין פאדערגרונד פון די וויכטיגסטע ווירטשאפטליכע פראבלעמען. די ענטוויקלונג פון די פרייזען נעהמט אן א בולט'ען כאראקטער. פוילען געהט איבער סיסטעמאטיש פון די „ביליגע" לענדער צו די „טייערע", וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייערע אויסגעשפראכענע יקרות - טענדענצען. אבער אין דער צייט, ווען דארט, אין די „טייערע" לענדער, איז מעהרסטענטיילס די וואליוטע א הויכע און אויך די לוינען זענען צו זיי צוגעפאסט, בעזיצט די בעפעלקערונג אין פוילען נאר א „זלאטי-וואליוטע" און „זלאטי-לוינען", און ביי דעם אלעם הייסט מען איהר צאהלען „דאלאר-פרייזען".

דער געגענזאץ ווערט נאך שארפער, ווען מיר נעהמען אין בעטראכט, אז פוילען האלט זיך ערשט אין פונאנדערבויען, און רעארגאניזירען און ארגאניזירען אזעלכע געביטען, וואו די פרייזען-פאליטיק האט זעהר פיל צו זאגען.

עס איז דעריבער פערשטענדליך, וואס די הויכע פרייזען פערשאפען עד היום פיל זארג סיי דער רעגירונג, סיי דער געזעלשאפט. אין סעפטעמבער 1926 רעדט פרעמיער בארטעל וועגען דער „געפעהרליכער שטייגערונגס-טענדענץ", וואס האט ארומגעכאפט אלע געביטען אין פוילען, און אין יולי ה. י. ערקלערט מינ. קוויאטקאווסקי פייערליך אין פויזנער אוניווערזיטעט, אין דער אנוועזענהייט פון מלוכה-פרעזידענט, אז די פרייזען-פראגע געהערט צו די צענטראלע מלוכה - ענינים. די פראגע איז, אלזא, געווען און איז אקטועל.

כאראקטעריסטיש איז, אז דוקא דארט, וואו די רעגירונג האט א דעה, און אפילו א דעצידירענדע, זענען די פרייזען אממעהרסטען געשטיגען. אין דער פריוואטער ווירטשאפט האט די רעגירונגס-אינטערווענץ אדער מיטגעהאלפען צו הויבען די פרייזען (לאנדווירטשאפט, אדער געפיהרט א קאמף „פון יוצא וועגען", וואס האט זיך כמעט שטענדיג אויסגעלאזט מיט איהר קאפיטולאציע.

דאס האט איהר אבער נישט געשטערט גלייכצייטיג צו זעהען די שעדליכע פאלגען פון דיזע עקאנאמישער פאליטיק און זוכען די מיטלען זיי צו בעזייטיגען. איי, ווי געשיקט זיך עס? דאס איז טאקי די פראגע, אויף וועלכער די רעגירונג האט שוין געמעגט געבען אנ'ענטפער.

פון איין זייט — א יקרות. די פרייזען פון א גאנצע רייה ארטיקלען פון ערשטען געברויך, קודם תבואה, צוקער, פוטער, אייער, שטעהען זעהר הויך. פאסט- און באהן-טאריף געשטיגען. דאסזעלבע מיט'ן טעלעפאן און אנדערע איינריכטונגען פון עפענטליכען געברויך. געשטיגען זענען אויך קויהלען, אייזען, בוי-מאטעריאלען, ערד-אייל, לעדער.

ספעציעל דארט, וואו עס האנדעלט זיך וועגען ארטיקלען, וועלכע ווערען אין גלייכער צייט עקספארטירט, ווערען די פרייזען געהעכערט אויפ'ן אינלענדישען מארק, כדי זיך צו אפשלאגען דעם פערלוסט אויפ'ן אויסלענדישען. נישט וועניג בעלאסטען די פרייזען די הויכע שטייערן. איבערהויפט דער אומזאץ-שטייער אויף 10–5 פראצענט.

דער לעצטער בעריכט פון דער אנקעטען-קאמיסיע מאכט אויך אויפמערקזאם אויף דער פרייזען-עליה, וועלכע געהט האנד ביי האנד מיט דער קארטעליזאציע אין דער בערג-אינדוסטריע.

איצט פראיעקטירט זיך א וויי̇טערדיגע העכערונג פונ'ם באהן-טאריף, פון דעם דירה-געלד, פון איי̇ניגע שטייערן. אויך די לאזונג פון „זעלבסט-אויסקום" איז עלול צו פערשארפען די פרייזען.

פון דער צווייטער זייט — מערקען מיר אויף יעדען שריט די שטרעבונג צו עקספאנסיע.

מיר ווילען הויבען די קויפס-קראפט פון דער בעפעלקערונג און פערגרעסערען איהר פערברויך, כדי דער בירגער זאל זיין ביכולת מעהר קויפען, מוזען וואקסען זיינע פערדינסטען פאראלעל מיט'ן וואוקס פון די פרייזען. העכערע לוינען שאפען נייע בעדערפנישען און נייע קויפס-מעגליכקייטען. אבער די לוינען אין פוילען זענען עד היום געבליבען ווייט הינטערשטעלינ לגבי די שטייגערונגען פון די פרייזען פון די מאסען-ארטיקלען. אויב מען פיהרט ליתר תוקף א פאליטיק פון הויכע פרייזען, פערדרענגט מען דאך נאכמעהר די בעדערפנישען און די קויפס-מעגליכקייט.

די פראדוקטיוויזאציע פון דער אינדוסטריע בעדייט בעצם נישט מעהר, ווי אראפזעצען די איי̇גענע קאסטען. אלזא, ביליגער רויה-מאטעריאל, ביליגע ארביי̇טס - העגד, פערשטארקטער אפזאץ. אבער אויב מיר זעהען דאס פערקעהרטע — וואָרום אויך די לוינען שטייגען סוף - כל - סוף — טא ווערט דאך די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע גאר געהאמעוועט. דאס זעלבע מיט'ן איבערבויען די אינדוסטריע לויט די נייע טעכנישע פאדערונגען.

מיר שטרעבען צו פערקלענערען דעם אריינפיהר, פערגעסענדיג לגמרי, אז ווען די פרייזען זענען הויך, זוכט דער אינלענדישער סוחר גערן אויסלענדישע פראדוקציע, דער אויסלענדישער סוחר דאגעגען געפינט דא בעקוועמע בעדינגונגען פאר א גרעסערן אפזאץ. פשוט ער האט דא אנ' אימפארט-פרעמיע.

דאס גלייכען איז דער נידריגער פרייז - ניוואָ דער בעסטער מיטעל צו שטארקען דעם ארויספיהר, ווייל נאר אויף אזא אופן קאנען מיר אמ-בעסטען קאנקורירען.

די פרייזען-פאליטיק איז אויך א שליסעל צו דער קאפיטאליזאציע, ד. ה. צו קאפיטאל-אנזאמלונג דורך דער געזעלשאפט, צו וועלכער עס שטרעבט יעדע פערנונפטיגע מלוכה. די אפשפארונגען פון די ברייטע מאסען זענען אין יעדען לאנד די וויכטיגסטע קוועלע פון קרעדיט, קורץ- און לאנג-טערמיניגען, פאר דער ווירטשאפט.

אהן ספק ווינשט די רעגירונג צו זעהען, ווי די ווירטשאפט ענטוויקעלט זיך, פראגרעסירט. ווי קאן עס אבער געשעהן, אויב נאך אלע שטייערן און צוגאב-שטייערן בעלאסטעט מען די ווירטשאפט און ספעציעל דעם פערברויכער, מיט אזא געפעהרליכען (ווי בארטעל אליין דריקט זיך אויס) פרייזען-שטייער?

צי בעזיצט די רעגירונג די מיטלען צו אונשעדליך מאכען אט דעם שטייער?! אדרבא!

מאג. ש. בוניק.

דער פאליטישער מאמענט

דער נייער קאבינעט אין פראנקרייך.— דער דייטשער פאנצער-שיף אלס שוץ-מיטעל פאר פואנקארע'ס רעגירונג.— די נייע רעגירונג אין רומעניען.— קולידזש'ס רעדע און איהר אפקלאנג אין ענגלאנד!

דער קאבינעט-קריזיס אין פראנקרייך איז שוין ליקווידירט, און דער נייער קאבינעט וועט ווארשיינליך לאנג אנהאלטען.

די שנעלע ליקווידירונג פונ'ם אויסגעבראכענעם רעגירונגס-קריזיס אין פראנקרייך, מוז ווידער אמאל פערשריבען ווערען אויף דער קאנטע פונ'ם היינט פאפולערסטען מלוכה-מאן. אין לאנד, פואנקארע, וואס קא[ן] זאין נויטיגען מאמענט קאנצענטרירען ארום זיי̇ ופעראן די פערטרעטער פון די פערשידענסטע און געגענזעצליכע פארטייען. צו ליב'ן ארויסטרעטען פון פואנקארעס פריהערדיגער רעגירונג פון די ראדיקאלען און ראדיקאל-סאציאליסטען האט פראנקרייך געדראהט א שווערען און לאנג-דויערענדער קאבינעט-קריזיס וועלכער איז אויס געמיטען געווארען בלויז א דאנק דער ענערגיע פון פראנקרייכס „שטארקען מאן". אבער גלייכצייטיג מיט די שבחים וואס ווערען ארויסגעזאגט לכבוד פואנקארען בעהאלט קיינער נישט די מורא, אז דער דאזיגער נייער מיניסטער-קאבינעט זאל נישט האבען קיין אריכת ימים, וואס ס'וואלט געווען פאר פראנקרייך זעהר נישט געוואונשען.

דערווייל איז אין פראנקרייך נישט פרעהליך. ערשטענס ווייל מען איז נאך עד היום נישט אינגאנצען זיכער מיט דער וואלוטע-סטאביליזאציע, וועלכע קאן זיך לייכט א וואקעל טאן און צווייטענס ווייל די בעציהונגען מיט אמעריקע זענען נאך אלץ — זינט די רעוועליאציעס וועגען א געהיימען ענגליש-פראנצויזישען פלאט-אפמאך — ווייט נישט קיין פריינדליכע, מיט וואס יעדע מדינה מוז זיך היינטיגע צייטען שטארק רעכענען.

אבער דאך קאן קיינער נישט ערוב זיין, אז דער לינקער פליגעל פון פראנצויזישען פארלאמענט, וואס שטעהט אין אפאזיציע צו דער נייער רעגירונג פון פואנקארע, זאל נישט אויסנוצען א וועלכען ס'איז גינסטיגען מאמענט און נישט אומווארפען דעם איצטיגען קאבינעט, כדי איבערצונעהמען די מאכט אין די אייגענע הענט. אזא ווענדונג האט מען אין פראנקרייך געהאלטען דורכאויס פאר ווארשיינליך, ווען נישט די לעצטע געשעהעניש אין דייטשלאנד.

דאס מיינט מען טאקע דעם בעשלוס פונ'ם פאנצער-שיף, וואס איז אנגענומען געווארען געגען דייטשען רייכסטאג פארטצוזעצען דאס בויען פונ'ם די שטימען פון די סאציאליסטען.

היות ווי אין פראנקרייך זענען נאך געגוג שטארק די געגנער פון א פשרה-פאליטיק לגבי דייטשלאנד, ווערט צ ורעם צוועק אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט, כדי צ ורעמאנסטרירען דייטשלאנדס „מיליטאריזם", און אזוי ארום געווינט מען דעם דורכשניטליכען פראנצויזישען בירגער, וואס האט זיך מיט קיין איבעריגער ליבע צו דייטשלאנד קיין מאל נישט אויסגעצייכענט.

מיינט מען טאקע דעריבער, אז די פאנצער-שיף פון בערלין וועט פערפעסטיגען דעם פואנקארער-קאבינעט אין פאריז, און אז די אפאזיציע מיט העריאן בהאש וועט מוזען ווארטען, כדי איבערצונעהמען די ממשלה, אויף א בעסערען שעת-הכושר.

א פאזיטיווע בערייטונג האט דער רעגירונגס-וועקסעל אין רומעניע, וואָרום דארטען טראגט דאס א כאראקטער כמעט פון א רעוואלוציע, הגם זי איז געמאכט געווארען אין דער שטיל און אהן בלוט-פערגיסונג.

מען דארף וויסען, אז אין רומעניע האבען כמעט אין משך פון די גאנצע צעהן נאך-מלחמה-יאהרען געוועלטיגט די אזוי גערופענע „ליבעראלען" וועלכע האבען, קען מען זאגען, געהאלטען דאס גאנצע לאנד אין ארענדע און געפיהרט אנ'אפענע פאליטיק לטובת בעשטימטע גרופען צום שאדען פון דער גרויסער מעהרהייט אין דער מדינה.

ס'איז פריהער געשטאנען ביים מלוכה-רודער איין בראטיאנו, דערנאך א צווייטער בראטיאנו פון דער זעלביגער „דינאסטיע" און ביידע צוזאמען — מיט דער הילף פון די כל המינים אוועקסקום — האבען „געמאכט" וואהלען און געקיניגט ביד רמה, אז די דאזיגע מושלים האבען געמאכט א תל פון לאנד, איז צו זעהן כאטש דערפון, וואס לעצטענס האט קיין שום מדינה נישט געוואלט האבען מיט די רומענישע רעפרעזענטאנטען קיין שום פינאנציעלען משא-ומתן, און דאס האט טאקע דער עיקר געצוואונגען, אז „בראטיאנו דער צווייטער" זאל מיט בזיונות אפטרעטען דעם פלאץ דעם פיהרער פון די פויערים, ד"ר מאניו, וועלכער האט באלד ביים איבערנעהמען די מאכט, די ערשטע זאך בעפרייט דאס לאנד פון דעם פערמאנענטען בעלאגערונגס-צושטאנד, וואס האט יאהרען-לאנג כסדר געהערשט אין רומעניען.

אויף וויפיל די נייע לאגע אין רומעניע איז א דבר קימא, איז נאך דערווייל שווער צו זאגען.

אבער היה-שעה איז אויך עפיס הערט, און צוזייטען די רומענישע בירגער, וועלכע ווילען אביסעל פרייער אפאטעמען, ווילען אויפ'ן ערשטען פלאץ אוודאי זיין די דארטיגע יודען, וואס האבען געלעבט אין א פסדר'דיגען טערארר-אטמאספער.

* * *

א סענסאציע איז געווען די פאריגע וואך, פרעז. קולידזש'עס רעדע, וועלכע ער האט געהאלטען פאר די פערטרעטער פונ'ם אמעריקאנער לעגיאן. ביי דער געלעגענהייט האט ער געדערט וועגען רעגולירען די מלחמה-חובות און וועגען ענטוואפנונג. אמעריקא, האט ער ערקלערט, איז פערינטערעסירט אין פערהיטען פון מלחמות, וואו זיי זאלען נישט אויסדרעהען. אמעריקא מוז אבער זיין גרייט צו זעלבסטשוץ.

ביי די אונטערהאנדלונגען וועגען די חובות את אמעריקא מספים געווען צו נעהמען אין אכט די צאהלונגס-פעהיגקייט פון די בעלי חובות. אמעריקא איז אויך ווייטער גרייט מיטצווירקען פאר'ן וואוילזיין פון אייראפע, זי וויל אבער, אז איהרע חובות זאלען בעצאהלט ווערען און וועט נישט געהן אויף קיין הנחות, וואס זאלען זיך אויסדריקען אין פינאנסירען נייע בעוואפנונגען.

די דאזיגע רעדע האט געפונען אנ'אפקלאנג אין ענגלאנד. לאיד דזשארדזש איז ארויסגעטרעטען מיט א שארפער רעדע געגען דער ענגלישער אויסלענדישער פאליטיק. די ענגליש-אמעריקאנישע בעציהונגען זענען קאליע געווארען, צוליב'ן געשלאסענעם ענגליש-פראנצויזישען אפמאך, וועלכער האט קאמפראמיטירט די „זאך פון שלום". די פערשטענדיגונג האט ארויסגערופען אנ'אלגעמיינעם אומצוטרוי, ווייל קיינער פון דריטען צד איז נישט איינפארמירט געווארען.

דער פרעמיער באלדווין האט זיך פערענטפערט אז די דאזיגע ענגליש-פראנצויזישע פערשטענדיגונג איז געווען א פרוב ארויסצובעקומען נאך פונ'ם טעמפעל ווינקעל, וואס האט זיך געשאפען אין דער פראגע פון דער ים-ענטוואפנונג. די רעגירונג בעדויערט נישט דעם פרוב, הגם דער דורכפאל איז געשעהען צוליב אמעריקא.

שליסליך — האט ער פערגרינגט — וואלט לאיד דזשארדזש אויך נישט געהאנדעלט אנדערש, ווען ער וואלט געשטאנען ביים רודער. (*).

פערשידענע פאסירונגען אין יודישען לעבען פון רוסלאנד

הנחות פאר איבערוואנדערער.

ווי עס גיט איבער דער בולעטין פון דער צענטראלער „געזערד" פערוואלטונג פון מאסקווע (פון 10-טען אקטאב.). האבען דער אלפערבאנדישער צענטראלער אויספיהרונגס-קאמיטעט און דער ראט פון פאלקס-קאמיסארען אנגענומען דעם 12 סעפט. א בעשטימונג וועגען בעפרייען די ווייט-מזרח'דיגע (לייען בירא-בידזשאנער) איבערוואנדערער און איבערוואנדערישע קאלעקטיווען פון שטייער אין משך פון פינף יאהר, אויב זיי בעזעצען זיך אויף בעוואוינטער ערד און אין משך פון אכט יאהר, — אויב זיי בעזעצען זיך אויף נישט בעוואוינטער ערד. קאלעקטיווע ווירטשאפטען ווערען אין ערשטען פאל בעפרייט אויף זעקס יאהר און אין צווייטען פאל,— אויף אכט יאהר פון צו צאהלען שטייערן.

דאס איז זעהר א וויכטיגע הנחה פאר די איבערוואנדערער קיין בירא-בידזשאן און נישט איינער, וואס חלומ'ט פון א קאלאניע נעבען ארעס, וועט זיך שוין בעסער פערשרייבען אויף בירא-בידזשאן...

דער ערשטער יודישער מת אין בירא בידזשאן.

דער בעפולמעכטיגטער מצד דעם „געזערד" אין בירא-בידזשאן, דער ה' מ. ראשקעס, האט טעלעגראפיש מיטגעטיילט דעם „עמעס", אז סוף סעפטעמבער איז אין בירא-פעלד געשטארבען פון בויך-טיפוס און לונגען-ענטציגדונג דער מיטגליד פון כאטיטסקער קאלעקטיוו — דער ה' יאנקעל פישקין, — 23 יאהר אלט.

דאס איז דער ערשטער יודישער קבר אין די וויסטעניש[ען] פון בירא-בידזשאן און עס איז שוין

ווי זיי שפילען זיך אפ אין די דארטיגע יודישע און רוסישע צייטונגען.

אנ'אלטער כלל, אז דארטען, וואו עס איז שוין פערהאן א התחלה אויף א בית-עלמין — מעהרען זיך און פרוכפערען זיך די יודישע ישובים ארום און ארום...

הלואי זאל עס זיין אזוי!

„פראוודא" שטעלט זיך איין פאר דעם כותל מערבי.

אויב עס איז קיין וואונדער נישט, ווען בירא-בידזשאנער איינוואנדערער שטעלען זיך איין פאר די קוטאאיסער נשרפים, איז אבער דערפאר א גרויסער וואונדער, וואס די צענטראלע קאמוניסטישע צייטונג „פראוודא" שטעלט זיך איין פאר דעם כותל מערבי. זי טוט עס, אמת, נישט אזוי צוליב איהר ליבשאפט צו די רעליגיעזע יודען, ווי צוליב איהר שנאה צו ענגלאנד, און דערפאר טאקע שרייבט זי אין צוזאמענהאנג מיט די געשעהענישען ארום דעם כותל מערבי אט וואס:

„...מיר שטעהען, אלזא, פאר א פאקט, אז די רעגירונג, וועמען עס איז נעגעבען געווארען, דער מאנדאט אויף פאלעסטינע, טרעט ארויס אין אנ'אפענעם קאנפליקט מיט דער יודישער בורזשואזיע.

„...ענגלאנד פרובט זיך א שפיל טון מיט דער אראבישער בורזשואזיע און אינטעלעגענץ. זי פיהרט איין א מין אויטאנאמיע און פערענגט אלס קרבן דעם ציוניזם. פערשטעהט זיך, אז דער נייער ראמאן מיט די אראבער - וועט אויך לאנג נישט דויערען. דערווייל אבער, אלס בעוויז פאר דער איר פערגעבענהייט צו די אראבער, זענען די כפרה-הינדלעך — די ציוניסטען. זי רייצט אן די יודען אויף די אראבער און די אראבער אויף די יודען. דאס איז ענגלאנד'ס ציל.

„פאקטיש האט ענגלאנד נישט נאר אויסגענוצט די ציוניסטען, נאר אויך בארבאריש זיך נוקם געווען און דערנידריגט די ארימע שיכטען פון די יודען אין פאלעסטינע, פוילען און אנדערע לענדער, וועלכע האבען געגלויבט, אז פאלעסטינע וועט ווערען א יודישע נאציאנאלע היים. זיי האבען איצט דערזעהן דעם ביטערען אמת"....

די יודען פון בירא בידזשאן שענקען נדבות פאר די קוטאאיסער נשרפים.

בירא-בידזשאנער איבערוואנדערער, וואס זענען די ערשטע צייט, ווי בעקאנט, אליין גרויסע נצרכים האבען זיך זעהר ווארעם אפגערופען אויף דעם קול קורא פון די קוטאאיסער יודען, וואס האבען היינטיגען זומער געליטען פון א שרפה און אריינגעשיקט אין דער רעדאקציע פון „עמעס" זעכציג רובעל, וואס זיי האבען צווישען זיך צונויפגעקליבען.

אין דעם בעגלייט-בריוועל צו דער רעדאקציע שרייבען די בירא-בידזשאנער יודען אט וואס:

„אויפ'ן ווייטען מזרח אין בירא-בידזשאן איז צו אונז דערגאנגען די ידיעה וועגען קוטאאיסער שרפה. מיר האבען ביים דארפס-ראט געעפענט אנ'אונטערשריפט-בויגען און צונויפגעקליבען זעכציג רובעל לטובת די געליטענע. מיר רופען ארויס דעם קאלינינדארפער ערשטען יודישען ראיאנס אויספיהרונגס-קאמיטעט און אלע דארפישע יודישע ראטען נאכצופאלגען אונזער ביישפיל".

אונטערגעשריבען: א. ביאלי.

פארזיצער פון בירא-פעלדער דארפס-ראט — א. ביאלי.

סעקרעטאר, — י. ספעקטאר.

חתימה פון בירא-פעלדער דארפסראט,

נישט אומזיסט זאגט א רוסיש ווערטעל, אז א „הונגעריגער איז מיט א הונגעריגען א חבר",

און ס'איז ווירקליך צו בעגריסען, וואס די ערשטע יודישע פויער פון בירא-בידזשאן ווילען נישט זיין נאר נעהמערס, — זיי פערמעסטען זיך שוין אפילו צו ווערען געבערס לויט זייערע בעגרענצטע מעגליכקייטען.

א צייטונג וואס פייערט נישט איהר אייגענעם יובילוי.

אויב די רוסישע „פראוודא" ערלויבט זיך דעם לוקסוס איינצושטעלען זיך פאר די „ארימע שיכטען פון די יודען אין פאלעסטינע. פוילען און אנדערע לענדער", קאן זיך אבער די יודישע פראוודא — דער „עמעס" — נישט ערלויבען צו פייערן איהר אייגענעם צעהן יעהריגען יובילעאום.

מיר דערוויסען זיך וועגען דעם פון דער רעזאלוציע, וואס די צענטראל-ביורא פון די יודישע סעקציעס („יעווסעקצען") האט אנגענומען דעם 18. אויגוסט און פובליקירט צוויי מאל אין „עמעס" —

די רעזאלוציע לייענט זיך אט אזוי:

א) מיר קאנסטאטירען, אז אין מערץ פון לויפענדען יאהר איז דורכגעפיהרט געווארען א קאמפאניע אונטער דע סנאמען „וואהרהייט"-„עמעס" מכח דעם 10-טען יאהרטאג, זינט עס איז דערשינען די „וואהרהייט" און אין 1923-טען יאהר איז אויך דורכגעפיהרט געווארען א קאמפאניע צום 5-טען יאהרטאג, זינט עס איז דערשינען די „וואהרהיים".

ב) פונדעסטוועגען האלט די צענטראל-ביורא אז מצד דער רעדאקציע פון „עמעס" איז געווען

(ווייטער זעה 6-טע זייט).

לאמיר זיך אליין העלפען

מיר, פוילישע יודען געפינען זיך איצט אין א שלעכטען עקאנאמישען מעמד, מיר ווערען ארויסגעשטופט פון אונזערע עקאנאמישע פאזיציעס, מיר ווערען דערדריקט פון דער שטייער-לאסט. מיר האבען צו זארגען וועגען אונזער טעגליך ברויט, און די דאגות פרנסה בעשעפטיגען אונז פולשטענדיג.

אבער — מיר מוזען א טראכט געבען און זיך פרעגען! ווען און ווי אזוי קאנען מיר פערבעסערען אונזער מצב?

אונזער היינט איז טרויעריג, די אויסזיכטען אויפ'ן מארגען זענען נאך טרויעריגערע: דער פערדרענגונגס-פראצעס וועט דויערן און שטארקער ווערען, אונזער קאמף מיט די אויסערליכע פאקטארען וועט אונז ווייניג וואס העלפען. אמאל ווילען זיי נישט, אמאל קאנען זיי אונז נישט העלפען. נייע עקזיסטענץ-מעגליכקייטען דא האבען מיר נישט און עס איז זעהר צווייפעלהאפט, אויב מיר וועלען וועלכע ס'איז אין דער צוקונפט בעקומען.

די יודישע מאסען אין פוילען ווערען אלזא פון טאג צו טאג אלץ מעהר און מעהר פעראָרימט, פויפעריזירט, פאר זונזערע אויגען קומט פאר דער דאזיגער פראצעס, אבער מיר זעהען איהם נאך ווייניג אן.

די יסודות פון אונזער קיום דא ווערען אונטערגעגראבען מיר מוזען זיך דערפון אבגעבען א געהעריגען דין וחשבון.

דיכטער לייב יפה

די ישועה? זי קאן קומען נאר פון אונז אליין. קיינער וועט אונז נישט העלפען. מיר מוזען זיך אליין העלפען, מיר מוזען זוכען ראדיקאלע הילף, ווען נישט פאר אונז, דאן פאר אונזערע קינדער, דא קאנען מיר זיך נאר ראטעווען אויף א געוויסער צייט, פון היינט אויף מארגען. איבערמארגען קאנען און וועלען קומען נייע ווינטען און פערטרייבען אונזערע מיט אזוי גרויסער מיה אויפגעשטעלטע געצעלטען.

אמאל האבען מיר געוואוסט, מיר וועלען וואנדערן אין אנ'אנדער לאנד, זיך דארט אויפסנייאיינארדנען. היינט האבען מיר שוין די מעגליכקייט אויך פערלוירען. די טויערען פון אלע לענדער זענען פאר אונז פולשטענדיג פערשלאסען.

אין איינציג לאנד אויף דער וועלט שטעהט פאר אונז אפען: אונזער לאנד, ארץ ישראל. דארט, נאר דארט קאנען מיר אויפבויען פאר זיך און פאר אונזערע קינדער פעסטע יסודות פון א זיכערן, ליכטיגער, גערעכטע יודישער היים. דארט ווערען שוין געבויט פון אונזערע בעסטע זיהן, מיט דעם גרעסטען מסירת נפש, אין שווים און בלוט די פונדאמענטען פון אונזער נאציאנאלער היים. זיי, די חלוצים ארבייטען נישט נאר פאר זייער פערזענליך גליק. נאר זיי שמידען דארט דעם גורל פון אונז אלע.

אבער דארט, אין לאנד געשעהן קיין נסים. אהן ארבייט, אהן שווערער ארבייט איז אוממעגליך דאס לאנד צוצוגרייטען פאר אלע די, וואס ווילען פאהרען, פאר אלע די, וואס וועלען מוזען מארגען פאהרען. און אויב דאס לאנד וועט נישט זיין געהעריג פארבערייטעט, דאן וועט די גינפטע עליה נישט געלונגען.

מענשען צו דער ארבייט האבען מיר, א מחנה פון חלוצים שטעהט גרייט. אויסערליכע מעגליכקייטען צו בויען אין לאנד האבען מיר. אבער, ליידער, נישט אונזער בעסטע קאנען ארבייטען, נישט די גוטע שאנסען קאנען מיר אויסנוצען. עס פעהלט געלד, און אהן דעם געלד קאן ליידער קיין זאך אויפגעבויט ווערען.

די יסודות פון אונזער נאציאנאלער היים קאנען מיר, אהן דעם קרן-היסוד נישט בויען. און ווער זאל די נויטיגע מיטעל געבען? פרעמדע? — נישט מיר ווילען, נישט מיר קאנען פון זיי דאס פערלאנגען.

נאר מיר אליין מוזען צושטעלען די נויטיגע נאציאנאלע מיטלען. מיר מוזען געדענקען: מיר אינוועסטירען נישט פאר יענעם, נאר פאר זיך אליין. מיר אלע דא צוזאמען, און א יעדער בעזונדער איז אפהענגיג פון דעם, וואס געשעהט אין א"י. קיינער קאן נישט וויסען, צו ער אדער זיינע קינדער וועלען נישט מוזען פון דעם געניסען, העלפענדיג דעם קרן-היסוד „העלפען מיר זיך אליין".

וואס דער קרן-היסוד האט שוין ביז היינט אויפגעטון אין א"י, וואסערע גראנדיעזע מעגליכקייטען עס זענען פערהאן, וועגען דעם וועלען דעם לאזער יורענטום אין די נאהענטסטע טעג דערצעהלען צוויי פון די בעסטע ארבייטער, וועלכע ארץ ישראל פערמאגט. זיי ברענגען אונז פרעהליכע בשורות פון לאנד: לייב יפה — דער שוואונגפולער דיכטער פון אונזער אויפלעבונג, און צוגלייך דער שטארקסטער בויער פון אונזער נאציאנאלען פערמעגען. שמואל זשוכאוויצקי — א מעכטיגע ענטפלעקניש פאר'ן פוילישען יודענטום. דער, וועלכער האט זיך שוין געהאלפען, זיך שטארק בעהעפט מיט דער מאמע-ערד, און דערפאר איז פאר איהם די פירטע עליה געווארען צום גליק.

שמואל זשוכאוויצקי

אונזערע דייטשע ברידער ארבייטען מיט'ן גרעסטען ברען פאר'ן קרן-היסוד. און קאנען אונז אין דעם פרט דינען אלס ביישפיל. זיי שיקען אונז איינעם פון זייערע בעסטע מיטארבייטער, דר. משה וואלדמאן, ער זאל אונז העלפען אין אונזער ארבייט.

מיר ווילען אונזערע טרייע שלוחים אויפנעהמען מיט דער גרעסטער פרייד און גרייטקייט צו זיי זנעהארכאם, זייער אפעל, דעם רוף פון ארץ ישראל, פון אונזער איינען הארץ און געוויסען.

ד"ר ז. עלענבערג.

פערשידענע פאסירונגען אין יודישען לעבען פון רוסלאנד.

(ענדע פון 5-טע זייט.)

פערזעהן, וואס אין דער צייטונג איז איינגעגאנגען נישט בעצייכענט געווארען דער 10-טער יאהרטאג.

פארוואס אבער דער „עמעס" האט פארט נישט געפייערט דעם איינגענעם צעהן יעהריגען יובילי. בעת דעם יובילי פון דער נישט-טעגליכער אויסגאבע „וואהרהייט" האט מען אפילו געפייערט צוויי מאל — בלייבט א סוד פון דער רעדאקציע און אפשר אויך — פון דעם ה' ש. אגורסקי פון מינסקער „אקטיאבר". וועלכער האט דער ערשטער אויפגעהויבען וועגען דעם א טומעל.

ווי אזוי א קריסט שטעלט זיך איין פאר זיין יודישער ווייב.

דער מאסקווער פאסט-בעאמטער פאפוגאיעוו האט חתונה געהאט מיט א יודישער טאכטער — א קאמסאמאלקע. מיט גרויס מאטערניש איז איהם געלונגען צו בעקומען א צימער ביי איינער א קריסטין הינטער מאסקווע.

אבער ווי נאר פאפוגאיעוו פלעגט אינדערפריה אוועקפאהרען צו דער ארבייט, פלעגט די קריסטליכע באלעבאסטע זיך א נעהם טון פאר זיין יודישער ווייבעל. רערביי פלעגט זי נישט שאלעווען קיין זידעל-ווערטער נעגען די יודען, נעגען די קאמוניסטען און בכלל נעגען דער ראטען-מאכט.

איינמאל אפילו האט די באלעבאסטע פערנארט איהר יודישע קווארטיראנטקע אויפ'ן הויף און אנגערייצט אויף איהר די הינט. בעת מעשה האט נאך די צעווילדעוועטע באלעבאסטע אנגעהויבען שרייען צו דעם ארומיגען עולם, אז „עס איז שוין צייט צו שלאגען די זשידעס, וואס האבען אומגליקליך געמאכט אונזער לאנד".

ווען פאפוגאיעוו האט זיך דערוואוסט פון דעם, איז ער אוועק אינאוועגד צו דער באלעבאסטע, זיך „דורכרעדען" מיט איהר וועגען דעם סקאנדאל און ווען די באלעבאסטע האט צו איהם אנגעהויבען אריינ'טענה'ן: — „פרא אדם איינער, צי רעדסטו נישט, אז די זשידאווקע האט דיך פערפענטעט פון קאפ ביז די פיס", האט דער אויפגערעגטער פאפוגאיעוו זי דערשטאכען אויף טויט מיט זיין קינושאל, וועלכען ער פלעגט תמיד טראגען מיט זיך.

די טעג איז אין מאסקווע פארגעקומען זיין פראצעס און ווי דער „עמעס" ניט איבער, איז ער פער'משפט געווארען צו 1 יאהר צוואנגסארבייט.

א יוד פערברענט זיין ווייב.

אז מען וויל פטור ווערען פון דער איינגענער פערגאנגענהייט, איז דאס בעסטע צו פערברענען די איינענע ווייב, וואס האלט בטבע אין איין מאנען אויסגאב פון דעם מאנ'ס פערגאנגענהייט. אזוי, יערענפאלס, האט געטראכט און טאקע אויך געטון דער מינסקער שניידער יאסעל פייווישאוו, וואס האט געווארפען אנ'אומ'חן אויף זיין ווייב רחל, מיט וועלכער ער האט זיך נע'גט אין יאהר 1926 און זיך צו איהר ווידער אומגעקעהרט אינ'ם יאהר 1928, אבער דער שלום-בית צווישען זיי ביידע איז געווען א צושטערטער, ווייל די פעררינסטען זיינע פלעגט ער פטר'ען אויף אנדערע פרויען און אין שטוב ביי איהם פלעגט פייפען דער דלות.

ביז איינמאל אין חודש מאי, האט יאסעל, אומקעהרענדיג זיך אהיים ארום 12 א זייגער ביינאכט, געבעטען זיין ווייב, זי זאל איהם אויפקאכען טיי, און ווען די ווייב זיינע האט זיך גענומען פארען אין קיך, האט ער זי אפגעגאסען מיט בענזין און זי אונטערגעצונדען. און אין א קורצער צייט ארום איז זי געשטארבען פון די בראנד-וואונדען.

דער מינסקער קרייז-געריכט, ווי עס גיט איבער דער „אקטיאבר" פון דעם 13-טען אקטיאבער, האט דעם מערדערישען מאן פער'משפט צו 9 יאהר תפיסה און צוגענומען אויף 2 יאהר זיינע בירגער-רעכט.

א רב'ס א טאכטער גיט אן אין געריכט אויף איהר מאמע.

פאר דער'הרג'ענען א מענשען, איינשטעלענדיג זיך פאר דער איינגענער ווייב, ווייסען מיר שוין, וואס פאר א שטראף מען בעקומט אבער פאר טל זיין אנ'איינגיקעל, איינשטעלענדיג זיך פאר דער יודישער אמונה, — ווייסען מיר נאך נישט, וואס פאר א שטראף מען בעקומט דערפאר, ווייל דאס געריכט ראך ערשט בקרוב פארקומען אין דער יודישער קאלאניע סאנאדאק (אוקראינע), וואו די ראטינגע לעהרערין און אקטיווע טוערקע און, אגב, א טאכטער פון א רב האט אנגעקלאגט איהר מאמע, די רבי'צין, הלמאי זי האט אהן איהר וויסען טל געווען דער לעהרערקע'ס אינגעלע.

די לעהרערקע האט מיט עטליכע יאהר צוריק חתונה געהאט מיט איינעם א קאמוניסט און זייער יונגעל, וואס איז געבוירען געווארען, האט מען פערשטעהט זיך, נישט טל געווען.

מיט א קורצער צייט צוריק, ווען די לעהרערקע איז אוועקגעפאהרען קיין אדעס אויף קורסען, האט די באבע געכאפט דאס איינגיקעל פון 4 מיט א האלב יאהר און עס נעלאזט טל זיין.

האט די טאכטער, אומקעהרענדיג זיך פון אדעס, אנגעגעבען אין יודישען געריכט און, ווי עס גיט איבער דער „שטערן" פון 7-טען אקטאבער, וועט דאס געריכט. צו וועלכען די גאנצע יודישע קאלאניע איז זעהר געשפאנט, פארקומען אין די נאהעסטע טעג טאקע אין דער קאלאניע גופא און וועגען דעם אורטייל וועלען מיר זיך דערוויסען אין דער קומענדיגער איבערזיכט פונים יודישען לעבען אין סאוויעט-רוסלאנד.

ד. טשארני.

Dr. med. STUPEL

.12 Szkolna 12.

ספעציעליסט פאר הויט-, האר און וועגערישע קראנקהייטען. מענער - שוואכע, ליכט און ראס, רענטגען-שטראהלען און קווארץ-ליכט, עלעקטרא-טעראפיע.

נעהמט אן פון 6 ביז 9 אין אווענד.

Dr. med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, tel. 26-02

אינערליכע קראנקהייטען. ספעציעל פאר לונגען-און הארץ-קראנקהייטען, בעשטראהלונגען און קינסטליכע בערג-זון. אין דערהיים פון 3—5 נאכמיטאג.

צוריקגעקעהרט.

Dr. H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 25, טעל. 26-87

ספעציעל ארצט פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוואכע, אלע ארט אנאליזען, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.

נעמט אן פון 8—10 פריה, 12—2 נ.מ. און פון 4—8 אוו.

Dr. med J. LUBICZ

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער. אייגענע פראצאווניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: וואלעדקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע פיס, גארסעטען א. ז. וו.

עמפפאנגט פון 5—7 אין אווענד.

Dr. MED. J. BETTE

ספעציאל-ארצט פאר אינערליכע-און קינדער-קראנקה.

פיעטריקאווער 6, טעל. 44-95.

צוריקגעקעהרט.

נעמט אן פון 8 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אווענד.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ.

מיט'ן אנטייל פון די **באריסאווא, ראבינאוויטש** און די בעקאנטע ליבלינגס-ארטיסטען פרימא-אנא **נאדיא קארעני**

4 וואכען ווערט געשפילט די הערליכע שעהנע אפערעטע!

12.000 מענשען האבען געזעהן און אנערקענט, אז די שענע געזאנגס-נומערן און טענץ, וואס די אפערעטע פערמאגט, קאן פערבלייבען דער שלאגער פון יודישען טעאטער אויפ'ן היינטיגען סעזאן

חלומות פון ליבע

פרייטאג ד. 23., שבת, ד. 24-טען, 9 אין אווענד צום 10-טען און 11. מאל

אין 3 אקטען מיט 25 נומערן געזאנג און שענע טענץ פון ליליען, רעזשי: ל. ראבינאוויטש.

בעמערקונג: צו יעדען בילעט ווערט צוגעגעבען אומזיסט דער בעליבטער קופלעט „אצי-טאצי" געזונגען דורך פרוי באריסאווא.

צו ביליגע פרייזען שבת, 3.30 נאכמ. **בידע קוני-לעמעל** אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון גאלדפאדען. הויפט-ראל „קוני לעמעל" — דער בעליבטער ארטיסט א. קאמפאניעץ.

זונטאג, ד. 25-טען און מאנטאג, ד. 26 טען, ווערט נישט געשפילט.

ס'נעמט אנטייל (לויט א. ב.) פ ר ו י ע ן: בעזמאן, באריסאווא, נאדיא קערעני, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קאמפאניעץ. מ ע נ ע ר: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.

אדמינ.: מ. ארנוואלד. מוזיק. לייטונג: ל. זעלמאן. בילעטען אין פילהארמאניע-קאסע.

אנאנס! אין פארבער-רייטונג: **די פערשעמטע כלה, הערצער צו פערקויפען**

נישט קוקענדיג אויף אלע ווארנונגען קומען יודישע עמיגראנטען קיין פאריז אהן פאפירען.

זייער לאגע איז א פערצווייפעלטע. און העלפען קען מען זיי נישט.

נישט קוקענדיג אויף אלע ווארנונגען, וועלכע דער פאריזער יודישער עמיגראציאנס-אמט האט פונאנדערגעשיקט אין אלע לענדער קומען קיין פראנקרייך ווייטער אן יודישע עמיגראנטען אהן פאפירען. דאס עמיגראציאנס-ביורא מעלדען זיך וויידער יודען פון פערשידענע לענדער, וועלכע געפינען זיך אין פאריז מיט פעסטער אהן רעכט צו ארבייטען.

דאס עמיגראציאנס-ביורא קען דא גאר נישט העלפען. און מען מוז אבזאגען די ביטעס פון די אלע יודען, וועלכע געפינען זיך באמת אין א שווערער לאגע.

דערצו האט אויך איצט נישט דער אמט קיין פאנדען אויף באהן - בילעטען אבצופאהרען פון פראנקרייך.

דער אימיגראציאנס-אמט אין פאריז בעט ווייטער צו ווארענען יודישע עמיגראנטען, זיי זאלען נישט קומען אהן ארבייטס-ערלויבנישען קיין פראנקרייך. זיי וועלען זיך דא אנשטויסען אויף די גרעסטע שוועריגקייטען און עס איז אפילו נישטא קיין מיטלען זיי צו שיצען.

—=:§:=—

לאָדז, 23 נאָוועמבער 1928

נייער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 23 נאָוועמבער 1928

דער פּלאַנעט מאַרס און... די יידישע שפּראַך

פון צביון

איז פערהאַן אַ שייכות צווישען פּלאַנעט מאַרס און דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון דער יודי־שער שפּראַך? איך גלויב, אַז עס איז. פערהאַן נאָר וואָס עפּעס איז מיר טאַקע איינגעפאַלען צו זוכען אַזאַ שייכות? — עס האָט עפּעס פּאַסירט איצט מיטן מאַרס, און מיר איז דעריבער איינגע־פאַלען דער געדאַנק וועגען מאַרס און יודיש.

דאָקטאָר מענספילד ראָבינסאָן פון לאָנדאָן האָט לעצטענס פּרובירט זיך צו שטעלען אין טעלע־גראַפישער פערבינדונג מיט די איינוואוינער פון פּלאַנעט מאַרס. אָבער דער איינציגער רעזולטאַט פון דער פּראָבע איז געווען, וואָס דאָקטאָר ראָבינ־סאָן איז מיט אַכטהאַלבען שילינג אָרימער געוואָרען און די ענגלישע פּאָסט איז מיט אַכט־האַלבען שילינג רייכער געוואָרען.

דאָקטאָר מענספילד ראָבינסאָן האָט געמליך געשיקט דורך דער ענגלישער פּאָסט אַ ראַדיאָ־דעפּעשע צום מאַרס און האָט דערפאַר בעצאָהלט אַכט־האַלבען שילינג, אָבער ער האָט קיין שום ענטפער נישט בעקומען.

דאָקטאָר ראָבינסאָן בעהויפּטעט, אַז זיין ראַדיאָ דעפּעשע איז צום מאַרס נישט אָנגעקומען און שולדיג אין דעם, פערשטעהט זיך, איז דער טעלעגראַ־פישער ראַדיאָ־אַפּאַראַט פון דער ענגלישער רעגי־רונג, וועמענס עלעקטרישע כוואַליעס וועגען צו קורץ צו „דערלאַנגען" דעם פּלאַנעט מאַרס. דר. ראָבינ־סאָן בעהויפּטעט, אַז כדי צו דערגרייכען דעם פּלאַ־נעט מאַרס מיט אַ ראַדיאָ־דעפּעשע, דאַרף מען האָבען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וואָס פּראָדוצירט עלעקט־רישע כוואַליעס פון 30 טויזענט מעטער די לענג, בעת דער טעלעגראַפישער ראַדיאָ־אַפּאַראַט פון דער ענגלישער פּאָסט קען בלויז פּראָדוצירען עלעקט־רישע כוואַליעס פון 18 טויזענט און 700 מעטער די לענג.

און עס פערדריסט דעם דאָקטאָר ראָבינסאָן נישט אַזוי די אַכט־האַלבען שילינג, וואָס ער האָט אומזיסט אויסגעגעבען אויף דער ראַדיאָ־דעפּעשע, נאָר וואָס ער האָט אַזעקגענומען אַ גאַנצע שלאָף פון די מאַרסיאַנער און ער האָט זיי אַזוי שטאַרק אנטוישט. דאָקטאָר ראָבינסאָן פערזיכערט, נעמליך, אַז די מאַרסיאַנער זענען געזעסען די גאַנצע נאַכט און האָבען געוואַרט אויף זיין דעפּעשע, ער ווייס פון אַ פרוי אויף דעם פּלאַנעט מאַרס, מיט וועל־כער ער שטעהט אין שטענדיגע טעלעפּאַטישע פער־בינדונגען. דורך דער פרוי האָט ער טאַקע אויך אַראַנזשירט מיט די מאַרסיאַנער, אַז זיי זאָלען אויף זיין דעפּעשע וואַרטען.

דאָקטאָר ראָבינסאָן איז אַ בעקאַנטער וויסענ־שאַפטס־מאַן אין ענגלאַנד, און ער איז שוין בעד־שעפּטיגט פון אַ לענגערע צייט זיך צו שטעלען אין טעלעגראַפישער פערבינדונגען מיט דעם פּלאַנעט מאַרס. ער האָט אַפילו שוין אויסגעאַרבייט אַ סיס־טעם פון טעלעגראַפישע צייכענס דורך וועלכע ער גלויבט אַז ער זאָל זיך קענען צונויפרעדען מיט די מאַרסיאַנער.

ווען דאָקטאָר ראָבינסאָן וואָלט נישט געווען אַ וויכטיגער וויסענשאַפטס־מאַן אין ענגלאַנד, וואָל־טען די אַמעריקאַנער גרויסע צייטונגען נישט גע־דרוקט אַזעלכע אויספיהרליכע קאַבעל־דעפּעשען פון לאָנדאָן וועגען זיין פּראָבע. אין די דעפּעשען ווערט אויך איבערגעגעבען, אַז פּראָפעסאָר לאַו האָט גע־געבען דאָקטאָר ראָבינסאָן אַלע מעגליכע הילף זיין עקספּערימענט דורכצופיהרען און ער האָט איהם געלאָזען זיך בענוצען מיט די גרויסע ראַדיאָ־אַפּאַ־ראַטען פון זיין רייכער לאַבאָראַטאָריע.

נאָר מען מעג זיין אַ וויסענשאַפטס־מאַן און זיך דאָך איינרעדען אַזאַ זאַך, ווי שטעהן אין טעלעפּאַ־טישע פערבינדונגען מיט אַ פרוי פון פּלאַנעט מאַרס. דאָקטאָר ראָבינסאָן איז אויך זיכער ביי זיך, אַז דער גרויסער שטורם־הינד וואָס די שטאָט לאָנדאָן האָט איבערגעלעבט פאָריגע וואָך, מאָנטאָג ביינאַכט, איז געווען עפּעס אַ מין אָנצוהערעניש פון פּלאַנעט מאַרס צו די איינוואוינער פון דער ערד, און ער האָט זיך שוין גענומען צו דער אַרבייט עס צו אונטער־זוכען, וואַרשיינליך דורך די טעלעפּאַטישע פערבינ־דונגען, וואָס ער האָט מיט דער מאַרסיאַנער פרוי...

דאָקטאָר ראָבינסאָן איז נישט דער ערשטער, וואָס מאַכט פּראָבעס זיך צו שטעלען אין טעלעגראַפישע פערבינדונגען מיט דעם פּלאַנעט מאַרס. עס האָבען שוין פּרובירט אַ סך אַנדערע וויסענ־שאַפטליכע פאַרשער פאַר איהם, אָבער קיינער איז נישט געווען אַזוי זיכער ווי ער, אַז אויפ'ן פּלאַנעט מאַרס זענען טאַקע פערהאַן מענשען, מיט וועלכע אונזערע ערד־מענשען זאָלען זיך קענען צונויפרעדען אַלענפאַלס, ווי דאָקטאָר ראָבינסאָן דער ערשטער, וואָס האָט געקענט אויסגעפינען אַ פרוי אויף דעם מאַרס און שטעלען זיך מיט איהר אין טעלעפּאַ־טישע פערבינדונגען...

פון אַלע פאָרשונגען ביז היינט איז די ווי־סענשאַפט גענייגט אָנצונעהמען, אַז אויפ'ן מאַרס עקזיסטירען אַזעלכע אַקלימאַטישע בעדינגונגען, וואָס זענען אין אַ געוויסער מאָס ענליך צו די אַקלימאַ־טישע בעדינגונגען פון דער ערד. און אויב דאָס איז אַזוי, דאַן קען מען נאָך אויך אָננעמען, אַז אויף דעם פּלאַנעט מאַרס עקזיסטירען לעבעדיגע בעשעפענישען און ממילא אויך מענשען.

עס איז ווירקליך נישטאָ קיין שכל צו גלויבען, אַז בלויז אויף אונזער ערד עקזיסטירען לעבעדיגע בעשעפענישען און אויף די אַנדערע פּלאַנעטען נישט. אין דער אמת ווייסען מיר דאָך נאָך ביז היינט נישט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען לעבען אויף דער ערד. עס האָט זיך נאָך דער וויסענשאַפט מיט אַלע איהרע פאָרשונגען נישט איינגעגעבען צו ער־קלערען פון וואַנען עס האָט זיך גענומען אויף אונ־זער ערד דאָס ערשטע שטיקעל לעבעדיגע פּראָטאָפּ־לאַזמע, אָדער ווי די ערשטע אַמעבא, די איינפאַכ־סטע און פּרימיטיווסטע לעבעדיגע בעשעפעניש, איז ענטשטאַנען. עס איז אַפילו פערהאַן אַ טעאָריע, אַז דאָס ערשטע שטיקעל לעבעדיגע פּראָטאָפּלאַזמע האָט זיך אויף אונזער ערד פערטראָגען פון וועל־כען עס איז אַנדער פּלאַנעט. די דאָזיגע טעאָריע, פערשטעהט זיך, גיט נישט קיין ענטפער פון וואַנען לעבען האָט זיך גענומען. עס איז אַ טעאָריע, וואָס נעמט אַרויס אַ שויב פון איין פענסטער און זעצט איהר אַריין אין אַ צווייטען און אָנשטאָט צו האָבען אַ לאָך אין דעם צווייטען פענסטער, איז פערהאַן אַ לאָך אין ערשטען. וואָרים אויב לעבען אויף דער ערד איז גענומען פון אַן אַנדער פּלאַנעט, טאָ פון וואַנען האָט זיך גענומען לעבען אויף אָט דעם אַנדערען פּלאַנעט? נאָר אויב די טעאָריע ערקלערט אונז נישט פון וואַנען לעבען אין אַלגעמיין האָט זיך גענומען, זאָגט זי אָבער אונז, אַז לעבען איז נישט בלויז פערהאַן אויף דער ערד, נאָר אויך אויף אַנדערע פּלאַנעטען, פיל מעהר, זי זאָגט אונז, אַז אויף אַנדערע פּלאַנעטען איז לעבען געווען פריהער ווי אויף דער ערד. און אויב מיר נעמען אָן, אַז אויפ'ן מאַרס איז פערהאַן לעבען, איז גאַנץ לאָגיש צו דענקען, אַז עס זענען דאָרטען אויך פערהאַן מענשען, הלמאי אויף דער ערד יאָ, און אויפ'ן מאַרס נישט?

און עס איז פערהאַן אַ טעאָריע, אַז נישט בלויז זענען אויפ'ן מאַרס פערהאַן מענשען, נאָר אַז די מענשען דאָרטען זענען הויך־ענטוויקעלטע און הויך געבילדעטע, אַ סך ענטוויקעלטער און גע־בילדעטער ווי די מענשען אויף די ערד. די דאָזיגע טעאָריע נעמט זיך דערפון, וואָס מען האָט בעד־מערקט אויף דעם מאַרס אַ נעץ פון רעגעלמעסיגע ליניעס. האָט מען געקלערט און געקלערט וואָס דאָס קען בעדייטען, ביז מען איז געקומען צו דעם גע־דאַנק, אַז די ליניעס זענען עס קאַנאַלען, וואָס די מאַרס־מענשען האָבען געגראָבען פאַר דער לענג און פאַר דער ברייט פון זייער פּלאַנעט. און אויב דאָס איז אַזוי, דאַן האָט די אינזשינער־וויסענשאַפט אויפ'ן מאַרס דערגרייכט אַ סך אַ העכערע מדרגה פון ענטוויקלונג, ווי אויף אונזער ערד. וואָרים עס איז אַ נוואַלדיגע אינזשינערישע אונטערנעהמונג צו שאַפען אַזאַ ריזיגען נעץ פון קאַנאַלען. מיר, דאָ אויף דער ערד, מיט אונזער היינטיגער אינזשי־נער־וויסענשאַפט און מיט אונזער היינטיגען צו־שטאַנד פון דער טעכניק, וואָלטען אַזאַ ריזיגען נעץ פון קאַנאַלען בשום אופן נישט געקענט אויסגראָ־בען. און אויב די אינזשינער־וויסענשאַפט איז אַזוי הויך ענטוויקעלט אויפ'ן פּלאַנעט, דאַן מוזען דאָך אויך די אַנדערע וויסענשאַפטען דאָרטען זיין זעהר הויך ענטוויקעלט. עס הייסט, אַז זיי האָבען דאָרטען אויפ'ן מאַרס אַ סך בעסערע ראַדיאָס און אַ סך בעסערע טעלעגראַפען און טעלעפאָנען, ווי מיר האָ־בען דאָ. היינט פאַרוואָס זאָלען די מענשען פון דער ערד זיך נישט קענען שטעלען אין ראַדיאָ־פער־בינדונגען מיט די מענשען פון מאַרס?

און די וואָס גלויבען, אַז אויפ'ן מאַרס זענען פערהאַן מענשען, גלויבען אויך, אַז די מאַרס־מענשען זוכען שוין פון לאַנג מיטלען און וועגען ווי אַזוי זיך צו שטעלען אין פערבינדונג מיט די מענשען פון דער ערד, זיי גלויבען, אַז די מאַרסיאַנער האָבען אַ סך בעסערע טעלעפאָנען און אַנדערע אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטען דורך וועלכע זיי האָבען אונזער ערד אַ סך בעסער אויסגעפאָרשט, ווי מיר דעם פּלאַנעט מאַרס, און עס איז שוין פון לאַנג, ווי די מאַרס־מענשען שיקען צו אונז פערשידענע סיגנאַלען דורך וועלכע זיי פּרובירען זיך מיט אונז צונויפ־רעדען, און אַז זיי וואונדערען זיך זיכער ווי ווייניג ענטוויקעלט מיר זענען דאָ אויף דער ערד, אַז מיר פערשטעהען נישט וואָס די מאַרס־סיגנאַלען בעד־דייטען.

און מען זעהט און מען הערט אין דער ווירק־ליכקייט פון צייט צו צייט אַזעלכע סיגנאַלען אין דער לופט, וואָס מען ווייס נישט פון וואַנען זיי קומען און וואָס זיי בעדייטען. דאָקטאָר ראָבינסאָן איז זיכער, אַז זיי קומען פון מאַרס, נאָר אונזערע ערד־מענשען זענען נאָך נישט גענוג ענטוויקעלט און גע־בילדעט זיי צו פערשטעהען, דעריבער דאַרף מען געפינען אַ מיטעל ווי אַזוי מיר דאָ, פון דער ערד, זאָלען קענען שיקען דעפּעשען צו די מאַרסיאַנער און זיי, די מעהר ענטוויקעלטע, די העכער־געביל־דעטע וועלען אונזערע סיגנאַלען בעסער פערשטעהן. איז אָבער די צרה, וואָס מיר האָבע נאָך נישט אַזעלכע גרויסע און שטאַרקע ראַדיאָ־אַפּאַראַטען וואָס זאָלען קענען „דערלאַנגען" דעם פּלאַנעט מאַרס. דאָקטאָר ראָבינסאָן האָפט, אַז עס וועט זיך איינ־געפינען אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער, וואָס וועט גע־בען די עטליכע דאָלאַר וואָס זענען נויטיג אַזאַ ראַד־יאָ־אַפּאַראַט צו בעשאַפען. אין ענגלאַנד האָט זיך פאָרלויפיג אַזאַ מיליאָנער נישט געפונען.

נו, איך וועל נישט צווייפלען, אַז אויפ'ן מאַרס זענען טאַקע פערהאַן מענשען, וואָרים איך זעה ווירקליך נישט איין פאַרוואָס בלויז אונזער ערד זאָל האָבען דעם זכות צו האָבען מענשליכע בעשעפע־נישען און די אַנדערע פּלאַנעטען נישט. איך מעג אָבער צווייפלען, אויב די מאַרס־מענשען זענען ענט־וויקעלטער און געבילדעטער פאַר אונז. אויב עס קענען זיך געפינען אַזעלכע, וואָס צווייפלען, אויב די דייטשען זענען קולטורעלער ווי די אַמעריקאַנער, דאַן מעג איך צווייפלען אויב די מאַרסיאַנער ווע־נען ציוויליזירטער, ווי די ערד־מענער. און וואָס איז שייך צו די קאַנאַלען אויפ'ן מאַרס איז נאָך קיינער נישט זיכער, אַז זיי זענען טאַקע קאַנאַלען; און געוויס איז קיינער נישט זיכער, אַז די מאַרס־אינ־זשינערען האָבען זיי געגראָבען.

איך בין נישט גרייט אָפּצולייקענען, אַז אויך די מאַרס־מענשען האָבען ראַדיאָס. אָבער איך צוויי־פעל, אויב זייערע ראַדיאָס זענען בעסערע ווי אונ־זערע. וואָרים אויב זיי וואָלטען ווירקליך געווען בעסערע, וואָלטען די מאַרסיאַנער ראַדיאָ־פאַבריקאַנטען זיכער געפונען אַ וועג ווי צו קאָנקורירען מיט אונזערע ראַדיאָס. איך גלויב דעריבער, אַז אויך די מאַרסיאַנער ראַדיאָס כאָרכלען פונקט אַזוי ווי אונזערע און אויך זייערע ווערען פונקט אַזוי הייזעריג ווי אונזערע גראָד אין מיטען, ווען איהר זייט זעהר שטאַרק פערינטערעסירט צו הערען.

אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דאָקטאָר ראָבינסאָן מעג טאַקע גלויבען, אַז ער האָט אַ סיסטעם פון צייכענס דורך וועלכע ער קען זיך צו־נויפרעדען מיט די מאַרס־מענשען. ער דאַרף בלויז געפינען אַ גענוגענד שטאַרקע ראַדיאָ, דורך וועלכע ער זאָל זיינע צייכענס קענען שיקען צום מאַרס. אָבער איך מעג אין דאָקטאָר ראָבינסאָן'ס צייכענס פונקט אַזוי צווייפלען, ווי אין דער דאַמע ווייד נער. מיט וועלכער ער שטעהט אין טעלעפּאַטישע פערבינדונגען אויפ'ן מאַרס. מחשבות'ן, קען איך וויסען ווי די דאַמע זעהט אויס?

ווען דאָקטאָר ראָבינסאָן וואָלט מיר פאָלגען, וואָלט איך איהם געזאָגט, אַז ער זאָל פּראָבירען שיקען זיינע דעפּעשען צו די מאַרסיאַנער אויף יודיש. וואָרים אויב עס זענען ווירקליך פערהאַן מענשען אויפ'ן מאַרס, דאַן זענען דאָרטען זיכער אויך פערהאַן יודען. וואָרים עס איז נישטאָ קיין שום שכל הלמאי אויף דער ערד זאָלען יאָ זיין יודען און אויפ'ן מאַרס זאָלען נישט זיין. פערקעהרט, דער שכל איז מחייב, אַז דאָרטען, וואו עס זענען פערהאַן מענשען זאָלען אויך זיין יודען.

איך האָב נישט לאַנג צוריק געלייענט אַן אַרטיקעל, אין וועלכען עס ווערט בעוויזען, אַז מיט יודיש קען מען זיך צונויפרעדען מיט די מאַרסיאַ־נער.

און דאָ פאַנגט זיך אָן מיין יודישע פאַנטאַזיע אַביסעל פונאַנדערשפּילען. אויב אויפ'ן מאַרס זענען ווירקליך פערהאַן יודען און אויב די ערדיאַנער וועלען ענדליך זיך שטעלען אין פערבינדונג מיט די מאַרסיאַנער, דאַן בעקום איך אַ נייעם שטאַרקען אַרגומענט פאַר דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון יודיש. מיר וועלען נישט נאָר בעקומען פערשטאַר־קונג פאַר אונזער יודישע שפּראַך פון די מאַרסיאַ־נער יודען און פון דער מאַרסיאַנער יודישער לי־טעראַטור, נאָר עס איז פערהאַן עפּעס נאָך וויכ־טיגערעס.

אויב עס איז אמת די טעאָריע, אַז די וויסענ־שאַפט איז אויפ'ן מאַרס אַ סך העכער ענטוויקעלט, ווי ביי אונז, דאַן האָט די מעדיצינישע וויסענשאַפט אויפ'ן מאַרס געוויס שוין דערגאַנגען דעם סוד פון לאַנג לעבען און עס קען דעריבער זיין, אַז די מענשען אויפ'ן מאַרס לעבען עטליכע הונדערט יאָהר. אָדער מעהר, און ווען מיר וועלען קריגען פערבינדונגען מיט די מאַרס־מענשען, וועט געוויס די ערשטע זאַך, וואָס מיר וועלען דערגעהן פון זיי, זיין דער סוד פון לאַנג לעבען. און אויב מיר, איך מיין איך און אַלע אַנדערע, וואָס רעדען יודיש וועלען לעבען עטליכע הונדערט יאָהר. דאַ וועט די עקזיסטענץ פון יודיש וועניגסטענס זיין געזי־כערט אויף עטליכע הונדערט יאָהר. און וואָס עס וועט זיין אין עטליכע הונדערט יאָהר אַרום דאַרף מען דאָך געוויס נישט זאָרגען. אין עטליכע הונ־דערט יאָהר אַרום קען מען דאָך אויסגעפינען אַ מיטעל ווי אַזוי צו לעבען נאָך עטליכע הונדערט יאָהר.

איך גלויב, אַז די שייכות צווישען פּלאַנעט מאַרס און יודיש איז גאַנץ קלאָר...

די שוועסטער

(סקיצע) פון ג. שאַפּמאַן

זי איז געווען אַ פופצען יעהריג מיידעל, ווען ער איז פון דער היים אַוועק, און אין דעם דאָזיגען אַלטער האָט זי געשעמערירט פאַר זיינע אויגען אומעטום, וואו נאָר ער האָט געוואַנדערט און גע־לעבט. יאָהרען זענען פערפלויגען, וועלטען האָבען זיך איבערגעקעהרט, ער האָט פערביטען לאַנד אויף לאַנד. פרוי אויף פרוי, — און זי, זיין יונגערע שוועסטער, האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט צו זעהן, אַזוי ווי ער האָט זי געזעהן דעמאָלט: ווי זי קומט פון דער שולע אין איהר שוואַרצען פאַרטוך, ווי זי שלאָפט אין איהר בעט, נישט גאַנץ גוט צוגעדעקט — ווען עס הויבט אָן צו טאָגען...

אַזוי האָט זי געלעבט אין זיין פאָרשטעלונג, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז איצט איז זי שוין נישט מעהר אַזאַ קליין מיידעלע, און, ווער ווייסט, אפשר האָט זי שוין אַ מאַן און קינדער. דורך דער מלחמה און דער רעוואָלוציע האָט ער פער־לאָרען יעדען קאָנטאַקט מיט דער היים און אַ לאַנג צייט האָט ער פון דאָרט קיין שום ידיעה נישט בעקומען. ערשט איצט, נאָך אַ פּויזע פון אַ סך יאָהרען, איז געקומען אַ בריף פון איהר, פון דער שוועסטער, וואו זי שרייבט:

„ווי דו זעהסט, לעבען מיר נאָך. אַלע שטור־מען האָבען אונז דאָך נישט אָפּגעמעקט פון דער ערד. מנחם (דער אַנדערער ברודער) האָט חתונה געהאַט און וואוינט בעזונדער, און איך מיט דער מאַמע — אין אונזער אַלטער היים"...

דער בריף האָט איהם זעהר אומעטיג גע־מאַכט, און אין זיין ענטפער האָט ער געפרעגט:

„נו, און דו, אסתר, פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה געהאַט? דו ביזט דאָך געווען אַמאָל אַ שעהן מיידעל?"

„אָט אַזוי", האָט זי צוריק געשריבען, „איך האָב נישט געוואָלט. עס זענען געווען אַ סך, וואָס האָבען זיך אַרום מיר געדרעהט, אָבער זיי אַלע זענען נישט געווען לויט מיין געשמאַק, און דערווייל בין איך „אַלט" געוואָרען. איך מוז דיר אָבער זאָגען, אַז איך האָב קיין חרטה נישט... נו, און דו? פאַרוואָס האָסטו זיך גע'נט מיט דיין ערשטער פרוי? שיק מיר אייערע בילדער; איך וויל זעהר זעהן דאָס בילד פון דיין איצטיגער פרוי"...

„איינענטליך האָב איך זיך נישט שטאַרק גע־וואונדערט", האָט ער איהר ווידער געשריבען, „וואָ־רים לויט ווי איך געדענק דיך, האָט עס נישט געקענט זיין אַנדערש. געוויס זענען פערהאַן אין פאַמיליען־לעבען אויך שעהנע מאָמענטען, אָבער בכלל איז נישטאָ אויף וואָס חרטה צו האָבען"...

און זי:

„איך האָב בעקומען דיין בריף מיט די בילדער. דיין פרוי געפעלט מיר אויסטערליש. גיב איהר אַ קוש פאַר מיר"...

און ער האָט איהר באַלד צוריק געענטפערט אַ לאַנגען וואַרעמען בריף, וועלכע ער האָט געענדיגט מיט די דאָזיגע ווערטער:

„איך קוש דיך מיין טייערע שוועסטער, מיין איינציגע שוועסטער, נאָר דיך נאָר דיך"...

כעמיש-באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע

מאַגיסטער נ. שאַץ

פּעטריקאָווער 37, 2. שט., פראָנט.

אַנאַליזען פון קאַל, אורין, לייכעץ א. צ. וו.

אורין־אַנאַליז — 4 זל.

Dr. Z. Rakowski

מאַגען, פאַר אינערן, נערוו, האַלז- און לונגען-קראַנקהייטן

קאָנסטאַנטינער 9. טעלעפאָן 27-81.

אויפנעמט פון 12—9 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע, פּעטריקאָווער 17 פון 10—11 און פון 8—

Dr. med. St. Heinrich

POMORSKA 10, TEL. 47-67

ספּעצ. פון אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־לאַמפּען־שטראַהלען

נעהמט אָן פון 3—2 נאַכמ. און פון 7—4 אָווענד

דער גאון און צדיק ר' משה-איצעל

א רב, וואס פלעגט פאחרען אויף יארידען און האנדלען מיט פערד.

פון יעקב מארק

וועלכער ליטוויש-זאמוטער יוד פון פאריגען דור, האט נישט געהערט דערצעהלען די מאסען אינטערעסאנטע מעשיות און די גייסטרייכע אנעקדאטען פון דעם בעריהמטען גאון און צדיק רבי משה-איצעל, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט און איז געווען א רב אין צעהן פערשידענע שטעט פון קורלאנד, זאמוט און פוילען? אין דער לומדישער וועלט איז ער בעוואוסט געווען מיט זיין גוואלדיג-שארפען מוח; ביים המון עם — מיט זיין צדקות און גרויס רחמנות אויף ארימע און געדריקטע, און אין דער סוחרישער וועלט — מיט זיינע אריגינעלע איינפאלען און גענייאלע קאמבינאציעס אין דורכפיהרען א געשעפט.

רבי משה איצעל האט נישט געוואלט מאכען זיין רבנות פאר א פראפעסיע, און דעריבער האט ער שטענדיג געפיהרט זייטיגע געשעפטען, אמאל אליין און אמאל מיט שותפים, און כמעט נישט געווען א סחורה מיט וואס ער האט נישט געהאנדעלט: מיט פרייסישען טיי, מיט פרייסישע סיגארען, מיט וואליך, מיט שניט-סחורה און ד. גל. און צייטענווייז אויך אונטערגעפאהרען אויף יארידען און געהאנדעלט מיט פערד. נאר זיין שטייגער איז געווען בעת ער איז ארומגעפאהרען וועגען מסחר, ארונטערצווארפען פון זיך די אצטלא דרבנן, כדי נישט צו פראפיטירען ביים מאכען א געשעפט דער מיט, וואס ער איז א רב, ער איז דאן געגאנגען אנגעטאן מעשה סוחר, נישט מעשה רב, און פיל מענשען וואס האבען מיט איהם געפיהרט עסקים, האבען טאקע נישט געוואוסט, אז זיי האבען צו טון מיט'ן גרויסען רבי משה איצלען.

אמת, פיל פון די רבנים האבען נישט געהאלטען פון זיינע דרכים און פלעגען זאגען, אז ער מיט זיין כישונה'דיגער אויפפיהרונג, איז מבזה דעם כבוד פון רבנות. זיין תשובה איז תמיד דערויף געווען: „ס'איז כדאי'ער, דאס איך זאל בעגראבען ד ירבנות, איידער די רבנות זאל מיך בעגראבען. „אוי להרבנות שמקברה את בעליה", זאגע זראד אונזערע חכמים". רבי משה איצעל פלעגט תמיד זאגען: „ס'זענען" פערהאן פיר סארטען רבנים, היינו: א רב מיט א שטאטיק, א רב אהן א שטאטיק, א שטאטיק אהן א רב, און נישט קיין רב און נישט קיין שטאטיק, ובכן געהער איך צו דער לעצטער קאטעגאריע"...

אזוי ווי ער איז געווען א רב אין מעהרערע שטעט, וועלכע ליגען ביים פרייסישער גרעניץ, ווי ליבוי, פאלאנגען, קרעטינגע, שוועקסנע, טאוריג, פלונקאן, פלעגט ער זיין א שטענדיגער בעזוכער אויף די אויקציאנען פון די טאמאזשנעס (צאל-אמטען), וועלכע פערקויפען פון צייט צו צייט פער-אויקציאן די געכאפטע קאנטרבאנד-סחורה ארער די סחורה, וואס צוליב דער טייערער צאל פער-בלייבען זיי אין די טאמאזשנעס נישט אויסגעלייזט. ער איז געווען א גרויסער בריה שטענדיג דורכ-צופיהרען ביי די הונדערטער צוזאמענגעפאהרענע סוחרים, אז זיי זאלען מאכען „יד אחת", ד. ה. מען זאל נישט זוכען איינער דעם אנדערען אריבער-צושטייגען, נאר אפקויפען די סחורה בשותפות פאר א בילינגען פרייז, און שפעטער צוטיילען צווישען זיך דעם רייח, אגב פלעגט ער ארונטערנעהמען א גרויסען חלק פאר עניני צדקה, פאר ישיבות און דאסגלייכען.

אין דער טאורינער טאמאזשנע, וואו עס פלעגען פארקומען די מייסטע אויקציאנען, איז דארט אמאל געווען א דירעקטאר א גרויסער צורר היהודים. ער פלעגט שטענדיג פעררעכענען די צאל אויף די פרייסישע סחורות נאך מעהר ווי דאס געזעץ פערלאנגט, און בכלל זיי אנטון צרות אויף שריט און טריט. מיט דעם ראזיגען דירעקטאר האט זיך אמאל רבי משה איצעל אפגערעכענט אויף טערקיש, אז דער צורר האט באלד די אפא-פלעקציע בעקומען. ער האט געטון בלויז א קליי-ניגקייט: געגעבען אן עצה איינעם א סוחר, אז ער זאל איינקויפען אין פרייסען א גרויסע פארטיע הענטשקעס און זיי שיקען איבער דער טאורינער טאמאזשנע. אבער שיקען זאל ער צוערשט בלויז אלע הענטשקעס פון דער רעכטער האנד, און פון דער לינקער זאל ער דערוייל איבערלאזען אין פרייסען. דער דירעקטאר, ווי זיין שטייגער איז געווען, האט גערעכענט א שרעקליך-גרויסען אפ-צאהל, און ס'פערשטעהט זיך, אז דער סוחר האט די הענטשקעס נישט אויסגעלייזט, די סחורה איז שפעטער געקומען צום עפענטליכען אויקציאן, א-בער קיין מענש האט זיי נישט געקאנט קויפען, אויף וואס קאנען נוצען הענטשקעס פון איין האנר? און דער סוחר אליין האט זיי טאקע אפגעקויפט פאר א קטנות. דאס אייגענע איז געווען מיט די אנדערע הענטשקעס פון דער לינקער האנד, און דער דירעקטאר האט קוים בעקומען א צעהנט-חלק פון דעם אפצאהל וואס ער האט פערלאנגט, נאך אנדערע פערשידענע שפיצלעך האט רבי משה אי-צעל אפגעטון דער צורר, און ער האט שוין געהאל-טען אין פערלירען זיין שטעלע. קיין אנדער בריה איז איהם נישט געבליבען ווי נאר איבערצובעטען זיך מיט די יודען.

צוליב זיין גרויסע ליבע צום אמת און צו גערעכטיגקייט ממש ביז מסירת נפש, האט ער נישט געקאנט לאנג אנהאלטען זיין רבנות אין א שטאט, און אין משך פון זיין פערציג-יעהריגער רבנות איז ער געווען רב אין צעהן פערשידענע שטעט. אומעטום געפיהרט א קאמף מיט די נגידים און מנהיגים פאר זייער וועלען דריקען די ארימע און די עלענדע. ווי עס האט זיך געפיהרט אין יענער צייט, אין זיינע טעמפעראמענטפולע דרשות פלעגט ער אויסרעכענען די אלע עולות, וואס די שטארקע טון צו די שוואכע; פלעגט אויפרעקען די בעהאלטענע מעשים פון די צבוע'קעס וואס ווי-לען מיט פרומקייט פעררעקען זייערע מיאוסע טא-טען, און זיך נישט שרעקען אפילו צו דערמאהנען זייערע נעמען אין זיינע עפענטליכע דרשות. דער המון האט איהם ממש פערגעטערט, אבער די מנ-הינים פלעגען איהם רודפ'ן, איהם נישט אפגעבען קיין כבוד און נישט געצאהלט קיין שכירות. אבער איהם האט דאס ווייניג-וואס געקימערט. פון כבוד האט ער ווייניג געהאלטען. און אויף א לעבען צו מאכען האט ער געהאט פון זיינע געשעפטען.

פאר דער קורצער צייט, וואס ער איז געווען אין שטאט האט ער דאך בעוויזען אויסצובעסערען די חדרים און די תלמוד-תורות. ער איז געווען שרעקליך שטרענג צו די מלמדים. קוים האט ער אויסגעפונען, אז דער מלמד טויג נישט — איבער-הויפט ווען דער מלמד איז געווען א שוטה — דא האט שוין נישט געהאלפען קיין געבעט און קיין געוויין. דער מלמד האט געמוזט זיין קנעלונג אויפ-געבען און זוכען אנדערע פרנסות. דאגעגען איז ער תמיד געווען פריינדליך און צוגעטון צו די ישיבה-יונגלעך. אריינגעהענדיג אין בית-מדרש און געפינענדיג יונגלעך לערענדיג, פלעגט ער זיי מיט גרויס ליבשאפט ארומנעהמען און שענקען יעדערען קליינגעלד. ער האט אמאל געזעהען ווי א שמש פון א בית-מדרש האט מיט געוואלד אוועקגענומען א שטענדער פון א לערן-יונגעל, און דאס יונגעל האט זיך אויסגעגליטשט און אנידערגעפאלען, איז רבי משה-איצעל צוגעלאפען צום שמש און מיט כעס איהם בעפוילען, דעם יונגעל תיכף א קוש געבען, ווי דער דין איז, בעת מען ווארפט ארונטער א ספר.

אין דער שטאט פלונגיאן איז געווען א מנהג משנים קדמוניות, אויסצופוצען אויף שבועות די גרויסע שוהל מיט ביימער און מיט גרינצייג. דער שמש, א יוד א שוטה, פלעגט דערפון מאכען א גאנצען וועזען. דארף פאסירען, אז ערב שבועות איז א ישיבה-יונגעל אריינגעגאנגען אין שוהל און אנגעריהרט א בוימעל, דער שמש האט איהם דער-פאר אנגעפאטשט און ארויסגעווארפען פון שוהל. גראד בעת מעשה איז אויסגעקומען ר' משה איצ-לען דארט פערבייצוגעהן. און דערהערענדיג די מעשה, איז ער תיכף אריין אין שוהל, מיטגענומען-דיג מיט זיך א מחנה יונגלעך, און צוזאמען מיט זיי ארויסגעווארפען אלע ביימער פון שוהל, און געלאזט בעקאנט מאכען, אז ער איז מבטל פאר אלע צייטען דעם דאזיגען אלטען מנהג, כדי עס זאל נישט מעהר קומען צו א מכשול און צוליב דעם זאל ליידען א בן-תורה.

אין אנפאנג פון די זעכציגער יאהרען איז ארויס א גזירה אין רוסלאנד, אז אנשטאט דעם, וואס יעדע שטאט דארף צושטעלען א געוויסע צאהל נפשות פאר סאלדאטען, זאל מען קאנען זיך אויסקוי-פען מיט געלד — פאר יעדען נפש אכט הונדערט רובעל. דא האט ר' משה איצעל זיך גענומען פאר א לעבענס-אויפגאבע ארומצופאהרען איבער די שטעט און איינארדנען, אז יעדע יודישע קהלה, זאל נישט מעהר צושטעלען קיין נפשות, נאר קויפען קוויטען. נאטירליך, האט דאס די נגידים, וואס וועלען מוזען דאס געלד געבען, ווער נישט גע-שמעקט, ווייל זייערע קינדער האבען סיי-ווי-סיי נישט גערארפט געהן דינען. מען פלעגט כאפען ארימע קינדער און אפגעבען פאר די נגיד'ישע. אין יעדער שטאט פלעגט ער צוזאמענרופען אן אסיפה פון באלעבאטים, און א דאנק זיין אייזערנער ענערגיע און זיין גרויסער רעדנער-קונסט, פלעגט איהם שטענדיג געלונגען, מעהר אדער ווייניגער, אז יעד-דערער זאל זיך זעלבסט בעשטייערען צו דער גרוי-סער מצוה פון פריון-שבוים. אבער נישט וויפיל ער וויל, נאר וויפיל ער קאן, די דאזיגע אסיפות ביי די פערצייטיגע פאזשאנדקעס, איידער די קינדער ישראל'ס האבען נאך געוואוסט פון די היינטיגע פארלאמענטארישע ארדענונגען, פלעגען זיך תמיד אנהויבען און ענדיגען מיט טומעל און געשרייען, מיט זלזולים און קרינגרייען, און מאנכעס מאל אויך מיט בערד-רייסען.

אויף איינער פון די דאזיגע אסיפות איז אמאל אנגעקומען ר' משה איצעל. דערזעהענדיג ווי די באלעבאטים רייסען זיך ארום, ווי יעדער איינער זאגט צום צווייטען: „וואס ביסטו האר אזא יחסן? איך בין מעהר יחסן פון דיר! דו פערגעסט א פנים, ווער דו ביסט און ווער איך בין!", האט ער פרוב-בירט מאכען א טאלק, זיי איינצושטילען מיט גוטען, מיט בייזען, אבער עס איז נישט מעגליך געוועזן, דא האט ער געכאפט און זיך ארויפגעשטעלט אויפן טיש און דערלאנגט א זאג:

„שא רבותי! איך וויל זאגען א ווארט תורה!"

דאס האט געהאלפען און דער עולם איז שטיל געווארען. זיין תורה איז בעשטאנען דערפון:

פערד האבען אמאל גע'טענה'ט פאר גאט: „בארעמהערציגער בעשעפער! פארוואס האסטו אונז, פערד, מעהר געשטראפט פאר אלע ריינע ברואים אויף דער וועלט? סילא די ווילדע חיות לעבען-אפ דעם גליקליכסטען לעבען, וואס מען קאן זיך פארשטעלען; האבען אויף זיך נישט קיין באר לעבאס און לויפען זיך ארום פראנק און פריי. אויך די הויז-בהמות, וואס האבען שוין כלומר'שט בעלי-בתים, פעהלט זיי דאך אויך גארנישט: א גאנ-צע נטאג פאשע זיי זיך אויפ'ן פעלד און אויף דער נאכט האבען זיי זיך זייער ווארימע שטאל און שלאפען זיך גאנץ רוהיג. אבער מיר, ארימע פערד, האבען נישט קיין טאג און קיין נאכט, פלוצים פער-גלוסט זיך אונזער באלעבאס צו מאכען א יאזדע אין מיטען דער נאכט, איז ביי איהם רעכט אונז אויפצווועקען פון בעסטען שלאף, אריינרוקען אונז ר דעם צוים אין מויל, נאך גוט אונטערשמייסען און מען יאגט אונז די נשמה ארויס. דאס ערגסטע איז אבער, וואס מיר קאנען נישט רעדען. ווארים עס פאסירט גאנץ אפט, אז ביי אונז איז אנגעריבען דער רוקען, און דער באלעבאס, נישט בעמערקענדיג עס, טוט ארויף דעם שווערען כאמעט דווקא אויף דעם ארט, וואו די וואונד איז און די יסורים זענען נישט אריבערצוטראגען. ניכאי, הארציגער פאטער, וואלטען מיר כאטש געקאנט אויף אזוי-פיל רעדען, אום צו קאנען בעטען דעם באלעבאס אביסעל פאר-זיכטיגער צו זיין מיט'ן אנבינדען דעם כאמעט".

דער בורא ברוך הוא האט זיך צוגעהערט צו זייער גערעכטער טענה און געמאכט א פראבע צו לאזען אמאל א פערד רעדען, און דאס איז געווען בלעם'ס אייזעל. נו, זעהט איהר רבותי, וואס עס קומט ארויס פון א פערד'ס רייד? אנשטאט אויסצונוצען דעם מאמענט און רעדען צו דער זאך, בעטען בלעמ'ן ער זאל מיט איהם איינזעהעניש האבען ביים איינשפאנען, אכטונג צו געבען ער זאל קיין אומזיסטיגע יסורים נישט האבען, הויבט גאר אן דער פערד צו דערצעהלען זיין יחוס! און זיינע ערשטע און איינציגע ווערטער זענען: „הלא אנכי אתונך אשר רכבת עלי". פערשטעהט זיך, אז מען האט שוין פון איהם דאס לשון צוגענומען. איהר, פערד — האט ר' משה איצעל געענדיגט זיין דרשה — אז גאט האט אייך שוין יא געגעבען די מתנה, וואס איהר קאנט רעדען, טא רעדט-זשע צו דער זאך און געהט זיך נישט רעכענען מיט „יהוס!".

וואס האט דער יודישער אקטיאר צו דערצעהלען?

עפיזאדען, אנעקדאטען, וויצען פון אקטיארען, וועגען אקטיארען און וועגען ליבען פובליקום

געזאמעלט און בעארבייט דורך זלמן זילבערצווייג

(געשריבען ספעציעל פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט").

זי האט מיט וועמען צו סטראשען!

שבת נאכמיטאג קריכען די פרויען געוועהנליך מיט זייערע קליינע קינדער אין טעאטער, איינמאל בעת אזא פארשטעלונג איז געקומען אין טעאטער א פרוי מיט א זויגענדיג קינד אויף דער האנד.

אין מיטען שפילען דערמאהנט זיך די פרוי, אז ס'איז די צייט, ווען דאס קינד דארף זויגען, זי נעהמט ארויס די ברוסט און הויבט אן זויגען דאס קינד, אבער דאס קינד וויל דער ברוסט נישט נעהמען אין מויל, ווייל אויף דער ביהנע זינגט מען גראד, און עס קוקט גאר אהין.

די מאמע ווערט בייז, און גיט א געשריי אויפ'ן קינד שטיפענדיג איהם די ברוסט אין מויל

— נא, נא, די ווערסט זויגען, ווארום, אז נישט גיב איך עס אוועק דעם אקטיאר!

וועט זיין נאך א דראנג.

סוכות-צייט קומט זיך צופאהרען קיין לעמבערג צו דער דאָרטיגער סטאבילער יודישער טרופע א שוואכער אקטיאר, וואס וואנדערט נעבעך פון איין טרופע צו דער אנדערער, און ווערט אין ערגעץ נישט צוגענומען.

אין לעמבערג האט ער טאקע אויך נישט שטארק נושא חן געווען, געוואנט האט עס איהם קיינער נישט, נאר אין דער „וואַרעמער" בעציהונג פון דירעקטאר האט ער עס דערקענט.

שטעהט זיך אזוי דער אקטיאר אויף דער ביהנע, און זינגט זיך א ליד, וואס פאסט זיך שטארק צו צו דעם אין וואס ער געפינט זיך אזוי, ער זינגט דעריבער דאס ליד מיט געפיהל און נשמה'דיג.

דאס ליד האט א פריין:

„נעהמט מיך, נעהמט מיך,

ליבע מענשען.

געהט זיך פערביי דער דירעקטאר הינטער די קוליסען, און הערט די ווערטער, רופט ער זיך אפ:

מילא, פערפאלען, אז איהר בעט זיך אזוי, וועל איך אייך שוין צונעהמען, עס איז דאך סוכות, וועט זיין נאך א דראנג צו דער סוכה...

הלוואי זענען אלע אקטיארען טויב!

צווישען די יודישע שוישפילער האבען זיך אויך געפונען אייניגע טויבע, אזוי איז איינער פון די ערשטע יודישע שוישפילער, וואס האט אנגעהויבען נאך מיט גאלדפאדענען, משה סייך (גאוניק), געווען א טויבער, און ער פלעגט בעקומען די רעפליק פון זיין פארטנער דורך דער מימיק, וואס דער אקטיאר האט געמאכט, ועלטען ווען ער זאל האבען געהאט א טבע, אין פערשפעטיגען אדער צו פריה ארייג-פאלען מיט זיין רעפליק.

פערשטעהט זיך, אז טייך און די אנדערע טויבע שוישפילער פלעגען גוט אויסלערנען זייערע ראלען, און זיי תמיד געקענט בעסער, ווי די אנדערע אקטיארען.

איינמאל קומט משה שאר אריין מיט א טרופע קיין יאסי. מ'שטעלט זיך מאכען פראבע אז דא קען קיינער נישט זיין ראל, א חוץ דער טויבער אקטיאר ראזענבערג, ווערט שאר שטארק אויפ-געבערגט, און גיט ארויף אויס אויפ'ן קול:

— רבונו של עולם, ווי האלט מען שוין דער-ביי, אז אלע יודישע אקטיארען זאלען זיין טויב, וואלטען זיי דאך אלע געקענט די ראלען!...

א האנטיכעל פאר 12 טויזענד דאלאר!

דער אקטיאר איזידאר האלענדער איז אייניגע יאהר געווען דירעקטאר פון א טרופע מיט וועלכע ער איז ארומגעפאהרען איבער דער ראוד פראווינץ אין מאנטרעאל, און די לעצטע שורה איז געווען, אז ער האט דערלייגט 12 טויזענד דאלאר.

פערשטעהט זיך, אז די שטימונג אין דער קאמפאניע (טרופע) איז כסדר נישט געווען קיין פוינעלדיגע, און אזוי ווי מ'האט נאר אפגעשפילט א פארשטעלונג פלעגען זיך די אקטיארען שנעל פונאנדערגעהן.

האלענדער פלעגט זיך געוועהנליך גרימירען אז א בעזונדערע שטוב, און אזוי ווי בטבע איילט ער זיך נישט אויסצוגרימירען, איז אויסגעקומען, אז ער איז געבליבען איינער אליין אין טעאטער. ער וויל זיך אויסגרימירען, שטעלט זיך ארויס, אז ס'איז נישטא מיט וואס, און ס'איז אפילו נישטא ביי וועמען צו בעטען א טיכעל.

פאלט האלענדער אריין אין כעס, און נעמט היסטעריש שרייען:

— גיט מיר כאטש א האנטיכעל פאר מיינע 12 טויזענד דאלאר! גזלנים, א האנטיכעל פאר 12 טויזענד דאלאר!

צוויי בילעטען פאר איין מענש.

די פרייזען אויף בילעטען זענען פערשידען אין יעדען טעאטער, אבער אויך יעדעם טעאטער ה האט פערשידענע פרייזען אויף די זעלבע פלעצער, דאס איז אפהענגיג ווען די פארשטעלונגען קומען פאר, אזוי קאסטען די אוונט-פארשטעלונגען טיי-ערער, ווי די נאכמיטאג-פארשטעלונגען. ווען עס קומט צו פאהרען א גאסטראלער, ווערען די פרייזען טייערער, ווי אויף די געוועהנליכע אוונט-פארשטע-לונגען. טיילמאל אין מיטען וואך הערען איינגעפא-רענט ספעציעלע בילינגע פארשטעלונגען, און רער-מאלט הייסען די פרייזען „פאפולערע פרייזען".

אין אמעריקע דאגעגען איז איינגעפיהרט דאס סיסטעם פון „צוויי בעזוכער אויף 1 טיקעט", אדער „ליידיס (פרויען) פריי". דאס הייסט, אז דער פרייז איז א האלבער, ווי געוועהנליך. דאס זעלבע סיס-טעם איז אויך לעצטענס איינגעפיהרט געווארען אין רומעניען, און אזוי ווי א טרופע, וואס איז דארט ארומגעפאהרען, האט געמאכט שלעכטע געשעפטע, האט זי כסדר געשפילט פאר „צוויי בע'זוכער אויף 1 בילעט". דערווייל האט אין דער טרופע אנגע-הויבען גאסטראלירען דער אקטיאר בארטאשאו, און די געשעפטען האבען אנגעהויבען גוט צו געהן.

איז זיך דער דירעקטאר יאשקע עטינגער מיישב, און שאפט אפ דאס סיסטעם פון 2 בע-זוכער אויף 1 בילעט און הויבט נאך מעהר די פרייזען ווי געוועהנליך, אז דער עולם האט גע-הערט, אז די בילעטען זענען געווארען אזוי טייער, קומט צולויפען א דעלעגאציע, און פרעגט „היתכן?"

ענטפערט דער דירעקטאר:

— ביז איצט האבען מיר געשפילט פאר 2 בעזוכער אויף 1 בילעט, און פון איצט אן שפילען מיר 2 בילעטען פאר 1 בעזוכער.

„אויב שיין אדער רעגען — א מענש זאל מען זיין".

אין לעמבערג שפילט זומער די יודישע טרופע אין א גארטען. דערנעבען געפינט זיך א קליינער פערמאכטער טעאטער-בנין, אין וועלכען מ'שפילט ווינטער, אבער זומער ווען עס רעגענט.

זומער ווערען די פארשטעלונגען אנאנסירט אין גארטען, נאר דערביי שטעהט מיט קליינע אותיות א בעמערקונג, אז „אויב ס'וועט זיין שעהן, ווערט געשפילט אין גארטען, און אויב ס'וועט זיין רעגען וועט געשפילט ווערען אין פערמאכטען טעאטער".

איינמאל צופאלט זיך דער וואץ אין דער רדר קעריי, און אזוי ווי ס'איז שפעט, שטעלט מען אין איילעניש צוריק דעם צעווארפענעם אפיש, און מ'פערגעסט אריינצוגעבען עטליכע שורות.

שפעטער ווען דער אפיש האט זיך בעוויזען אין גאס, האט ער זיך אזוי געלייענט:

„יודיש טעאטער אין זומער-גארטען", היינט מאנטאג, 8,15 אין אווענד אויב שעהן (דא פעהלט דער וואץ) אדער רעגען (. . . . .)

„א מענש זאל מען זיין!"

עס איז ביטער, אז מען האט א זויערען מאגען

מעדיצינישע שמועסען.

פון דר. ס. מ. קלארמאַן

אַרום פופציג פּראָצענט פון כל'ערליי חולאַת'ן פון מאָגען פאַלט אויף דעם חלק פון דעם אַזוי־גערופענעם זויערען מאָגען. דאָס מיינט איינענטליך אַזאַ מין קראַנקהייט פון מאָגען (טאַקע פון מאָגען ממש, דער „איבערשטער מאָגען", די ערשטע כלי וואוהין דאָס עסען און טרינקען אונזערס דערגרייכט די ערשטע סטאַנציע), וואָס נעהמט זיך דערפון, וואָס עס געפינט זיך דאָרט צופיל עסיג.

עס וועט אייך אפשר קשה זיין, ווי קומט גאָר פלוצים פון דער העלער הויט עסיג אין מאָגען אַריין? ווער האָט דאָס אַהין געבראַכט און נאָך וואָס טויג אָט דער סך גאָר אינגאַנצען? איז די מעשה פון דער געשיכטע אַזוי:

איינער פון די וויכטיגסטע סאָרטען מאכלים, וואָס דערהאַלטען אונז פשוט ביים לעבען, זענען די אייוויס־שפּייזען, ווי פלייש, אייער, קעז און אַנדערע, וואָס האַלטען אין זיך דעם מין. זיי קאָנען באין אופן נישט פערדייט ווערען, סיידען עס געפינט זיך אין מאָגען זאַפטען אַ געוויסע מאָס (בכּן הכל פיר צעהנטעל פון איין פּראָצענט, 0,4) פון אַ געוויסען מין עסיג. ווען דער מאָגען האַלט זיך אין דער מעלה און פערמאָגט די אַלע געווירצען און בתוכם אויך די געוויסע נויטיגע מאָס עסיג, געהט אַלעס כשורה, דער מאָגען טוט זיין אַרבייט ווי עס געהער צו זיין אָהן אונזער וויסען. ווען דאָס אַלעס קומט פאָר זענען מיר טאַקע גאַנץ צופרידען, וואָס ער לאָזט אונז צורוה, קלאָגט זיך פאַר אונז נישט און נעהמט זיך נישט איבער ווי אַ בן־יחיד. ווען אָבער דער זויערער עסיג איז גראָד פערהאַן אין אַ גרעסערער מאָס. ווי עס איז נויטיג, מאַכט אָט דאָס איבעריגע ביסעלע ביטער און זויער אונזער לעבען. עס מאַכט דאָרט אָן אַזאַ מין בורעניגע, אַז מיר ווערען ממש אוים מענש און מיר קלאָגען זיך אויף אַלערליי צרות און וועהטאָגען. די זאַפטען און דער עסיג ערשיינען אין מאָגען נאָך דעמאָלט. ווען עס געפינט זיך דאָרט שפּייז, וועלכע רייצען די ווענט פון מאָגען אַרויסצוגעבען אָט די זאַפטען, אָבער די איבעריגע מאָס עסיג דערקוטשעט נישט נאָר בשעת דעם עסען, ער לאָזט פון זיך הערען אַ לאַנגע צייט — אַנ'ערך פון עטליכע שעה'ן נאָכ'ן עסען.

די סיבות פון וואַנען עס שטאַמט די צרה פון דעם איבעריגען ביסעל עסיג קאָנען זיין פערשידענע. אָפּטמאָל קאָן דאָס קומען פון אַ דירעקטער שטערונג אין דער נערוועז סיסטעם, און אַמאָל קומט עס אומדירעקט פון אַ נערוועז־שטערונג פון אַנ'אַנדער אבר, וועלכער האָט אויך אַ געוויסע מחותנ'שאַפט מיט נערוועז פון מאָגען. איהר ווייסט דאָך אַוודאי פון דעם יודישע' ווערטעל: „מען זאָגט דער טאָכטער און מען מיינט דער שנור". אַז איין נערוו בעדינט פערשידענע אברים, ליידען זיי אַלע, אַפילו ווען נאָר איין אבר איז בעשעדיגט. אַ־אַ ביישפּיל איז זעהר כאַראַקטעריסטיש אין אַנ'אויסגערופענעם פאַל, ווען די בלוט־אָדערען, וואָס דערנעהרען דאָס האַרץ ווערען געשעדיגט (דאָס איז איינע פון די סכנות נפשות'דיגע לאַגעס), פיהלט מען און מען בעקלאָגט זיך אויף שרעקליכע בויך־שמערצען. און נישט זעלטען מאַכט מען אַפילו אַ טעות און מען מיינט, אַז דאָס איז נאָר אַ גאַל־בלאָז־אַטאַקע. אַנ'אַנדערש מאָל ווידער קאָן דאָס צופיל עסיג קומען דירעקט פון אַ מאָגען אָדער געדערים־שעדיגונג אין די אָרגאַנען גופא. ווי אַ וואונד, וואָס איז אַ גאַנץ אָפטע חולאת. ווען דער זויערער מאָגען נעהמט זיך פון אַ שלעכטען נערוועז־צושטאַנד, בעווייזען זיך אַלגעמיינע נערוועזע שטערונגען אין גאַנצען קערפּער, מען ליידט פון קאָפּ־וועהטאָג. דערשלאָגענקייט, אויפגערעגטקייט און נאָך אַ סך אַנדערע סימנים פון דעם, וואָס מען רופט געוועהנליך „נערוועזיטעט". אָבער אַפילו ווען דאָס זויערקייט נעהמט זיך פון אַנ'אָרגאַנישען מאָגען אָדער געדערים־ פעהלער, ליידט מען אויך פון אַלערליי נערוועזע אָנפאַלען. דערפאַר פערבייט מען אָפט די יוצרות, מען ווייסט נישט ווער עס איז דער טאַטע און ווער דער זוהן. עס איז די איינגע מעשה ווי מיט דער הון און איי — צי איז פון דעם איי פריהער אַרויסגעקומען די הון, אָדער די הון האָט פריהער געלייגט דאָס איי. מילא, וועגען דעם לעצטען פאַל מאַכט נישט אוים צו פילאָזאָפירען ווי אַזוי מען וויל. עס קאָן קיינעם נישט שאַדען ווי דאָס זאָל נישט געווען פּאַסירען. אין אונזער פאַל אָבער, צי איז דאָס זויערקייט פעראורזאַכט דורך אַ נערוועז־שטערונג. אָדער איז דאָס דער רעזולטאַט פון אַ וואונד, איז שוין גראָד אַ גרויסע נפקא־מינה, מחמת די ריכטיגע בעהאַנדלונג הענגט אָפּ פון דער פעסטגעשטעלטער בעשטימונג פון דעם מקור, וואו דער הונט ליגט בעגראָבען. איז עס טאַקע אַ גליק וואָס מען קאָן דאָס זעהר גרינג אויסגעפינען. אַ דורכשטראַהלונג פון מאָגען און די געדערים קאָן דאָס בעשיינפערליך בעווייזען.

דעם פעהלער פון זויערען מאָגען בעגעגענט מען געוועהנליך ביי דערוואַקסענע מענשען, ביי פרויען און מענער גלייך. עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסען דאָס צו טרעפען אויך ביי קינדער אָדער ביי עלטערע פערזאָנען. מענשען, וואָס זאָרגען שטאַרק אָדער „נעהמען זיך צום האַרץ" פון אַ געוויסען צופאַל, אָדער פון צופיל גייסטיגער אָנשטרענגונג, זענען נעגייגט צו פאַלען קרבנות פון דעם מין מיוחס. שלעכטע געוואוינהייטען פון דעם אַרט עסען, ווי דאָס אַריינלויפען אויף גיך און אָפּעסען על רגל אחת. נישט קייענדיג דעם ביסען ווי עס געהער צו זיין און שלינגען שטיקערווייז; עסען און טרינקען צו הייסע אָדער קאַלטע זאַכען. צופיל געזאַלצענע און געפעפערטע מאכלים; צופיל רויכערען און אַנ'איבעריג ביסעל שאַרפע משקה, אָט די אַלע אומרעגעלמעסיגקייטען אין הלכות אכילה ושתיה לעגען אויך צייטענווייז דעם פונדאַמענט פאַר אַ זויערען מאָגען. האַרץ־קראַנקהייטען, אַפּענדיציטיס, גאַל־בלאָז־שטערונגען,— בלוט־אָרימקייט, ליגען אויך אַמאָל צו אַ קנייטעל צו דער צרה.

אַזוי ווי דער מענש איז דאָך אַ חלק אלוקהי (אַזוי זאָגט מען), פערמאָגט ער כביכול גאָט'ס טבע — ער איז אויך אַנ'ארך אפים. מען דאַרף די אברים לאַנג דערצאָרענען, זיי בעהאַנדלען אַ לאַנגע צייט ווי אַ שטיף־מאַמע, ביז וואַנען זיי זענען זיך ענדליך אין אונז נוקם און בעצאָהלען אונז מיט כל'ערליי וועהטאָגען. דער כלל איז אמת אין פאַלען פון האַרץ־קראַנקהייטען, אין נירען, לונגען און אין מאָגען־פעהלערן. די אַלע שלעכטע סימנים, וואָס בעווייזען זיך פון אַ זויערען מאָגען קומען דעריבער אויך נישט באַלד אויפ'ן אָרט, ווען מען זינדיגט געגען מאָגען. עס נעהמט אַ לאַנגע צייט ביז די מאָס פון חטאים ווערט דערפילט איידער דער עונש דערפאַר קומט. ווען די שטראָף קומט דאָך ענדליך, קומט זי אויף אַזאַ סדר: תחלת דערפיהלט אַזאַ מין פּאַציענט אַ געוויסע אומבאַנגענעהמקייט אַ שטונדע אָדער צוויי נאָכ'ן עסען. שפּעטער ווערט אָט דער געפיהל מעהר בולט און הויבט אָן גאַנץ נישט־קשה'דיג צו דערקוטשען און נערוויערט שוין אַפילו לענגער — אַנ'ערך פון איינע ביז דריי שטונדען. ביים עסען זענען די שמערצען טאַקע גאַנץ באַלעבאַטיש און ביסלעכווייז ווערען זיי דאָך איינגעשטילט. די הויפּט־כאַראַקטעריסטישע סימנים פון אַ זויערען מאָגען זענען אַ חוץ די אויבענדערמאָהנטע שמערצען אין בויך נאָכ'ן עסען און אַלערליי נערוועזע ערשיינונגען: „האַרץ־ברענונג" באַלד נאָכ'ן עסען, שפּאַרעניש „אונטערן האַרצען", מען פיהלט זיך אַנ'אָנגעבלאָזען ווי אַ פּויק, דער אַפּעטיט איז שלעכט, מען האַלט אין איין גרעפּצען, עס האַקט אין די שלייפען און מען איז שטענדיג מיד און שלעפעריג.

אַוודאי איז דאָס נישט קיין פרעהליך בילד. איז אָבער דערביי פערהאַן אַ טרייסט, וואָס עס איז דאָך לייכט צום היילען, אויב מען פערלאָזט דאָס נישט אין דער לאַנגער באַנק. ווידעראַמאָל, איז די רפואה אַנ'איינפאַכע און זי בעשטעהט הויפּט־זעכליך אין אַ ריכטיגער דיעטע. אָבער פריהער פאַר אַלעמען מוז מען זיך בעפרייען פון די אורזאַכען, וואָס זענען גורם צו די גאַנצע צרות. מען דאַרף אָנווענדען אַלע מיטלען אויסצומיידען זאָרג און פערכמורעטקייט, פערלייכטערען גייסטיגע איבעראַרבייטונג, נישט קאָנצענטרירען דעם געדאַנק אויף איין זאַך, נישט האַלטען אין איין טראַכטען וועגען קראַנקהייטען און זיך היטען מעגליך צושטרייען מיט פערשידענע אַנגענעהמע פערוויילונגען. עס איז אפשר אמת, אַז עס איז פיל גרינגער צו ראַטען ווי דאָס אויסצופיהרען. עס איז אָבער אויך אמת, אַז מען וויל אַ זאַך זעהר שטאַרק דערגרייכט מען דאָס, מכל־שכן, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען געזונד.

אָבער אַ ריכטיגע דיעטע איז נאָך אַלעמען דאָך די הויפּט־רפואה.

קודם כל מוז מען אויסמיידען צו עסען און צו טרינקען הייסע און קאַלטע מאכלים און געטראַנקען. מען מוז עסען פּאַמעליע און גוט קייען, כדי איינצושפּאָרען איבעריגע אַרבייט פאַר'ן מאָגען. מען מוז נישט עסען אָדער טרינקען אַזוינע זאַכען, וואָס קאָנען אויפרעגען די שליימהויט פון מאָגען, ווי זויערע און האַרבע זאַכען, פעפער, מושטאַרד, כריין, געזאַלצענע מאכלים און פּאַטראַוועס, וואָס שאַרפען דעם אַפּעטיט, מוזען אומבעדינגט אויסגעמיטען ווערען. אויך אַלערליי שאַרפע געטראַנקען. ווי בראָנפען און ווין טאָרען נישט קומען אין מויל אַריין. די הויפּט־שפּייז דאַרף בעשטעהן פון אייוויס־זאַכען, ווי פלייש און פיש, געקאָכט אָדער געבראָטען (למען השם נישט געפּרעגעלט אויף קיין פעטס), אייער, קעז, גרינע, פרישע אַרבעס אָדער פּאַסאָלעס, מעהל־שפּייזען, וואָס וועניגער. ברויט נאָר ווייסע און נישט קיין פרישע. צום טרינקען איז דאָס בעסטע מילך, פּוטער־מילך, קאַקאַאָ מיט קרעם, מינעראַלע וואַסערען, לייכטע טיי, און וואַסער. קאַפע איז אין דעם פערבאָטענעם צעטעל. רויהע גרינצייג און רויהע פרוכטען — פערבאָטען. ווען מ'ליידט אויך פון מאָגען־פערשטאָפּונג קאָן מען געברויכען געקאָכטע עפּעל אָדער פלוימען מיט וועניג צוקער, נאָר מיט קרעם. עסען זאָל מען זיי אין מיטען אָדער נאָכ'ן מאָלצייט, קיינמאָל נישט פאַר'ן עסען. האָניג איז אין אַזוינע פאַלען אויך אַ גוט מאכל. פעטע זאַכען ווי קרעם, פּוטער, אייל, קאָנען אָפּטמאָל זיין אַזוי נוצליך ווי זיסע זאַכען. פּוטער מיט ברויט פאַר פריהשטיק איז אַנגענעהם און ניצליך פאַר אַ זויערען מאָגען. עס איז אויך זעהר וויכטיג צו עסען אָפט און נישט קיין סך אויף איינמאָל. צווישען די דריי הויפּט־מאָלצייטען איז ראַטזאַם צו טרינקען אַ גלאָז מילך מיט אַ פּאָר ביסקוויטען און פּוטער אָדער האָניג. אָט די מעטאָדע איז נישט נאָר גוט צוליב אויסמיידען דאָס זויערקייט פון מאָגען אַליין, עס איז אויך וויכטיג, כדי מען זאָל נישט זיין הונגעריג ביים הויפּט־מאָלצייט און זיך נישט פערגעסען זיך נישט איבערצועסען.

פערשידענע מעדיצינישע הילפסמיטלען זענען צייטענווייז אויך נויטיג. אָבער דאָס געהערט שוין צו דעם דאָקטאָר, וואָס בעהאַנדעלט דעם אינדיווידועלען פאַל.

דער וויץ

(סקיצע)

פון סאַרא ב. סמיט

עטעל איז געווען די עלטערע און מילי די יונגערע; אָבער צווישען זיי האָבען זיך נישט נאָר פערשפּרייט די צוועלף יאָהר מיט וועלכע עטעל איז געווען עלטער, נאָר טויזענדטער יאָהר פון קאָנווענציאָנען, געזעצען און טראַדיציע. שוין דערפאַר אַליין וואָלטען זיי זיך געזען שונאים — אָבער אַ חוץ דעם אַלעס איז צווישען זיי אויך געשטאַנען דער מאַן, וועמען ביידע האָבען שטאַרק ליב געהאַט.

ווען עטעל האָט בעשלאָסען צו געהן צו מילי'ן האָט זי קיין שום אַהנונג נישט געהאַט וואָס פאַר אַ פרוי זי וועט בעגעגענען די נאַאיווע עטעל, וועלכע האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטען אָן די קאָנווענציאָנען און טראַדיציעס פון איהר לעבען, איז געווען זיכער, אַז דאָס „געפאַלענע" מיידעל וועט זיך פיהלען נאָך מעהר געפאַלען אין איהר געגענוואַרט.

דערפאַר איז זי געווען שטאַרק איבערראַשט ווען איהרע אויגען האָבען בעגעגענט די פרעהליכע, אָבער ערנסט־פאָרשענדע אויגען פון דער יונגער מילי.

פאַר אַלעמען מוזט איהר וויסען, אַז עטעל, אין דער פריהערדיגער זיכערקייט פון איהר לעבען, וואָלט נאָר קיינמאָל נישט צוגעשטימט אַריבערצוטרעטען די שוועל פון אַזאַ פרוי ווי מילי איז — אָבער די פריהערדיגע זיכערקייט איז פערשוואונדען — מילי האָט זי אויפגערויבט... יאָהרען פון אייפערזוכט, טרעהרען און ענדליך אַ שרעקליכע פערצווייפלונג האָבען זי געטריבען אַהער.

בשעה זי האָט געוואַרט אויף מילי'ן האָט זי זיך אַרומגעקוקט אין דעם צימער. ווי אַנדערש דאָס צימער איז געווען די איינענע וועלכעס צימער אין איהר אייגען הויז! זי האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז עס עקזיסטירען אַזעלכע צימערען. וועניג מעבעל, מאָדערנע מעבעל, אַ בעטויבענדער פּערפום־ריח, נעלקע בלומען, וועלכע זעהען אוים פריש, אָהן דער געוועהנליכער בעשיידענקייט פון בלומען. אין קאַמין אַ פרעהליך פייער, וועלכעס וואַרפט אַראַנזש־פאַרבינע שאָטענס אויף זאַך און מענש. ביים פייער אַ נידריגע סאָפע, אַ שוואַרצע; איהר, עטעל'ען, איז נאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלען, אַז אַ שוואַרצע סאָפע קען אין זיך ענטהאַלטען אַזוי פיל רייץ.

מילי האָט צוגעשיקט אַ לאַנגען, פאָרשענדען בליק צו דער מיטעלוואוקסיגער, עלעגאַנט־געקליידעטער פרוי, „ווער איז זי און וואָס וויל זי", האָט דאָס אומגעדולדיגע מיידעל געטראַכט.

אָבער עטעל האָט זי נישט לאַנג געלאָזט טראַכטען.

„איך האָב אייער דינסט נישט געגעבען מיין נאָמען, ווייל איך וויל נישט, אַז זי זאָל וויסען וועגען מיין וויזיט — איך בין די פרוי פון דאָקטאָר מילמאַן.

מילי'ס אויגען האָבען איהר צוגעשיקט אַ בליץ, וועלכער האָט קאָנקורירט מיט די פלאַמען אין קאַמין.

„וועט איהר זיצען?" האָט זי אין אַ העפליכען טאָן געפרעגט.

עטעל, וועלכע האָט זיך געריכט אויף אַ שטורם, האָט זיך מיט אַ מאָדנעם געפיהל אַוועקגעזעצט אויף אַ שפּאַנישער באַנק.

„אַ דאַנק, אונזער געשפּרעך וועט זיין אַ לאַנגער; עס איז בעסער זיצענדיג".

ווי אַנדערש זי האָט זיך אָט די בעגעגעניש פאָרגעשטעלט?! וויפיל מאָל זי האָט אין זיך איבערגעחזר'ט די ווערטער, וועלכע זי וועט צו אָט דער מיידעל רעדען. תמיד האָבען זיך טרעהרען אַרומגעשלאָגען אין איהר האַלז. איצט מוז זי זיין שטאַרק. די שטאַרקע. שטאָלצע פרוי, וועלכע קומט צו איהר מאַנ'ס געליבטע מיט אַ פּאָר שלאָג....

„איך פערשטעה נישט, פרוי מילמאַן, פאַרוואָס זענט איהר צו מיר געקומען?" האָט מילי כמעט אומגעדולדיג געפרעגט.

„ווייל איך האָב איהם ליב, אַזוי שטאַרק ליב, אַז איך זוך נאָר זיין גליק".

אויף מילי'ס יונגען, וואַנגערען פּנים איז אַנ'איראָנישער שמייכעל ערשינען:

„מאָדנע, ווי איהר, פערהייראַטע פרויען, טייטשט אוים ליבע!" (איהר טאָן איז געווען פּראָוואָצירענד, כמעט בעליידיגענד). „צוערשט בויט איהר פּאַלאַצען פאַר אייערע מענער, דערנאָך שרייט איהר געוואַלד, טאָמער ווילען זיי זיך פון אָט די פּאַלאַצען אַרויסרייסען".

„אָבער ענטשולדיגט, איך בין צו אייך נישט געקומען, כדי איהר זאָלט מיר האַלטען אַ לעקציע איבער —"

רחמנות'לאָז האָט זי מילי אונטערבראָכען: „ניין, איהר זענט געקומען האַלטען אַ לעקציע". זי האָט זיך אויפגעהויבען, אָנגעצונדען אַ פּאַפּיראָס, אַ ציה געטון, אַרויסגעבלאָזען אַ לאַנגע רייה רינגעלעך רויך און מיט אומפּעט געפרעגט: „נו, וואָס ווילט איהר?! אָט זעהט איהר מיך אַ לעבעדיגע פאַר אייערע אויגען. צורייסט מיך אויף שטיקער, טוט וואָס איהר ווילט — פון מיר וועט איהר קיין שום פערשפּרעכונגען נישט אַרויסבעקומען! איהר האָט איהם שוין פופצעהן יאָהר, איך בלויז איין יאָהר. איך בין יונג, פריש, מיר האָט ער ליב — וואָס ווילט איהר טון און וואָס קענט איהר טון?!"

עטעל האָט בעהאַלטען איהר פּנים אין ביידע הענד. אויף אַזוי פיל פרעכקייט, אויף אַזוי פיל געוואַגטקייט האָט זי זיך גאָרנישט געריכט. אָבער בלויז אויף אַ פּאָר סעקונדען האָט זי זיך פערלוירען. באַלד איז זי אויפגעשטאַנען אַ שטאָלצע און מיט געצוואונגענער רוהיגקייט געזאָגט: „איך וויל טון וואָס אַנ'ערליכע פרוי דאַרף טון. מיט איהם קען איך וועגען דעם נישט רעדען. ער וויל וועגען קיין גט נישט הערען. איך קען דאָך נישט זיצען מיט פערליינטע הענד און צוזעהען ווי איהר לעבט אין זינד!"

מילי האָט זיך אויך אויפגעהויבען. אַ פערוואונדערטע האָט זי איצט בעטראַכט די פרוי.

„אין זינד? אין זינד?" האָט זי איבערגעחזר'ט און זיך האַרציג צולאַכט.

„ווי דען רופט איהר אָן דעם עקלהאַפטען פאַקט, וואָס איהר וואוינט מיט דעם מאַן פון אַנ'אַנדער פרוי? איך בין אַנ'ערליכער מענש, אַ גאָטס פאַרכטיגער מענש. ער זאָגט, אַז צוליב זיין פּראָפעסיע וויל ער נישט האָבען קיין סקאַנדאַלען און דערפאַר וועט ער מיר קיין גט נישט געבען; אָבער איהר דאַרפט דאָך מיר זיין דאַנקבאַר, איך ברענג אייך דערלייזונג!"

אָבער מילי האָט נאָך אַלץ פרעך געלאַכט: „דערלייזונג, איך דאַנק אייך!"

„אויב איהר האָט איהם ליב, דאַן דאַרפט איהר זיך פרייען מיט מיין גרויסמוטיגקייט".

„די גאַנצע זאַך קומט מיר פאָר ווי אַ שפּאַס!"

„פאַר מיר איז דאָס אַ ביטערע טראַגעדיע".

„יאָ, געוויס, ווייל איהר בעלאַנגט צו אַנ'אַנדער דור!" האָט די יונגערע פרוי אין אַ פעסטען קול געזאָגט.

„ווי וואַגט איהר?!"

נו, איך מיין נישט אַזוי אין יאָהרען ווי אין געדאַנק. איהר רעדט ווי מיין עלטער־באָבע האָט גערעדט און איך בין אַ מאָדערנע מיידעל".

„הייסט עס?"... האָט עטעל געפרעגט און נישט פערענדיגט דעם זאַץ.

„אַז איהר האָט זיך בעמיהט אומזיסט. גאַנץ אומזיסט. איך בעטראַכט אייער פאָרשלאָג פאַר אַ וויץ! ווער וויל עס ווערען פערמישט אין גט'ן און אין הייראַטען? אייער מאַן האָט מיך ליב און איך האָב איהם ליב — פאַר אונז איז דאָס גענוג!"

עטעל האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טיר. אויף אַזאַ ענטפער האָט זי זיך נישט געריכט. אַ וויץ נאָר! הייסט עס, אַז איהר וועלט. אין וועלכער זי האָט ביז איצט געגלויבט, איז אינגאַנצען חרוב?

דאָס מיידעל האָט זי אָפּגעשטעלט: „איהר דאַרפט זיין צופרידען וואָס עס זענען פערהאַן אַזעלכע מיידלעך ווי איך בין."

עטעל האָט אויף איהר געקוקט. אָבער פאַר איהר איז פאָרגעקומען גריכיש דאָס וואָס דאָס מיידעל רעדט.

אונטען, אין גאַס, בשעת זי איז אַריינגעגאַנגען אין איהר אויטאָ האָט דאָס וואָרט „וויץ" נאָך אַלץ געקלונגען אין איהרע אויערען...

Dr. med. H. Lubicz
צענעלניאַנאַ 43, טעל. 41-32
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און מענער־שוואַכע קראַנקהייטען. הייזונג מיט קוואַרץ־לאָמפּען (האַ־אויספּאַל)
נעהמט אָן פון 8–10 און פון 5–8 אָווענד.

Dr. med. B. Robinzon
אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען.
פּעטריקאָווער 10, טעל. 31-86
נעהמט אָן פון 8–9½ פריה און פון 3½–4½ נאָכמ.

הומאר — דער קונדס — סאטירע

צוזאמענגעשטעלט דורך א. שארפצינגעל

פאליטיק פון דער וואך.

וואס הערט זיך אין דער פאליטיק?
אפשר ווייסט איהר? מיר ווייסען נישט.

איבערינגענס ווען מיר וואלטען יא עפעס גע־וואוסט, וואלטען מיר אויך גאר נישט דערצעהלט. פאליטיקער טארען נישט אויסזאגען פון חדר, וואס ווייניגער מען דערצעהלט, אלץ גרעסערער פאליטיקער איז מען.

עס האט זיך היינטיגע וואך אין דער פא־ליטישער וועלט אפגעטון גאר נישט קיין פאליטי־שע זאכען. מען האט גאר נישט געטון. מען איז אפגעקומען מיט יא וועלען און מיט נישט וועלען.

אזוי למשל האט מען געהערט, אז ענגלאנד וויל צוריקציהען איהר מיליטער פון רהיין־געביט, אמעריקא וויל נישט ראטיפיצירען דעם קעלאג־פאקט א. ד. גל.

וואס קומט אבער פון דעם אלעם ארויס, אז קיין מלחמה זעהט מען אלץ נישט דערפון.

וואס איז בעסער?

עס זיצען צוויי ארימע לייט און שמועסען צווישען זיך, איינער פרעגט ביים צווייטען:

— אזוי ווי אונזער נביר פון שטעטעל ר' צרוק'ל ווען ער מאכט חתונה א טאכטער טיילט מען ארימעלייט בולקעס מיט הערינג און א פאר גראשען דערצו און ווען ער ווערט קראנק טיילט מען אויך ארימעלייט בולקעס מיט הערינג און א פאר גראשען דערצו. איז ווי ווילסטו בעסער ער זאל חתונה מאכען טעכטער אדער ער זאל קרענקען.

— אוראי זאל ער קרענקען.

— פארוואס?

— אז מיר קרענקען זאל ער אויך קרענקען.

ש. א.

אין רעסטאראן.

גאסט (צום קעלנער): איהר זענט טויב?
קעלנער: ווי פאלט איהר איינ?
גאסט: איך האב געבעטען לעבער און איהר האט מיר געגעבען לערער.

אט פאר וואס.

שמערעל: פארוואס רופט מען דיך בערעל פיעסאק?

בערעל: וויל אין בערל זענען די זעלבע בוכ־שטאבען ווי לעבער, און לעבער אויף העברעאיש איז כבר, און כבר איז אויך די טייטש שווער, שווער איז א שבועה, און שבוע איז א וואך, און א וואך איז חול, און חול איז זאמד, און זאמד אויף רוסיש איז פיעסאק. פערשטעהסטו שוין?

ליב און ליבער.

כ'האב ליב א פרוי,
וואס וואגט און רעדט
עפעס רייד אזעלכע
וואס מ'מאר נישט;

האב איך פ־ויען,
צום ליבסטען אבער
וואס זיצען שטיל
און זאגען גארנישט.

פון אויסלענדישען מארק

אימפארטירטער הומאר מיט וואלאריזירטען צאל

ער נארט אפ דעם דאקטאר.

טרעפען זיך צוויי פאציענטען ביים דאקטאר אין ווארט־צימער.

יעדער פון זיי לייד אויף א קראנקען פוס, דיזעלבע קרענק.

איינער געהט אריין, מאכט גוואלדיגע קולות ביים בעהאנדלען.

ער קומט ארויס אין איינציגע מינוטען באלד טויט פון שמערצען.

דער צווייטער געהט אריין.

ער טוט נישט קיין כרעכץ. ער קומט ארויס אין איניגע מינוטען. שמייכעלט.

— ווי קומט עס? — פרעגט דער ערשטער, — עס האט אייך גאר נישט וועה געטון?

— הערסט א חכם! איך האב איהם דערלאנגט מיין געזונטען פוס...

אנ'עצה.

— האסט צייט?
— יא.
— זאג ווערי.

אויב אזוי...

שילער: הער לעהרער, קען אימיצער בעשטראפט ווע־רען פאר א זאך, וואס ער האט נישט געטון?

לעהרער: ניין, קיינער קען נישט בעשטראפט ווע־רען פאר א זאך, וואס ער האט נישט געטון.

שילער: אויב אזוי, האב איך נישט געמאכט מיין לעקציע.

אנ'עצה.

אויף מיין האהן קען מען זיך שוין נישט פערלאזען: פריהער איז ער געווען א פינקטליכער וועקער, אבער יעצט קרעהט ער פריהער אדער שפעטער.

די בעסטע זאך וואלט געווען, אז איהר זאלט איהם שיקען צו א זייגער־מאכער.

און וואס ווייטער?

(וואך־קלאנגען)

איז געווען א זאווערוכע
אינ'ם הערבסט — איז סאמע מיטען!
מ'האט געשטורעמט מיט לאניוכע'ן.
זאל מען ווערען שוין בעהיטען!

ס'האט געקאכט, געטומעלט רעש'יק
אונזער שטאט „פאטריארכאליש"
מיט דעם בלוטיגען ר' סטאשיעק,
מיט דעם מערדער מוזיקאליש...

ס'איז געווען א הארטער ביסען
פאר דעם מאגען צו פערדייאונג:
פונקט אין יובל־טאג דעם זיסען —
פונקט אין יאהר־טאג פון בעפרייאונג.

איז צו צרות־צרורות אלע
צו דער לאדזער „מזל־ברכה"
איז אלס צוגאב־מוציא חלה
צוגעקומען דער לאניוכע...

איצטער איז שוין נאך דעם טומעל
מ'שלאפט שוין איין די מע־דער־מעשה,
און מען זוכט שוין אין דעם רומעל
נאך חידושים, נייע נייעס'ן!

אוי, ס'איז שלעכט מיט אונזער שטעטעל,
ווייניג האבען מ'ר הנאה
והא ראיה, אט־א זעהט איהר:
טרודנא... ניעמא קיין הלואה!

יאקעל בן פרעקעל.

ביים קראנקען.

חולה (ווינצט): אנשטאט צו שאפען פאר מיר א רפואה, געהן זיי אויף דועלען, שלאגען זיך און האקען זיך די ציינער.

דער סוד פון קוגעל.

ביי אונז אין שטעטעל איז געווען, אונז צו לאנגע יאהרען, א יורענע מיט'ן נאמען חיה גיטעל, די דאזיגע יורענע איז געווען שטארק בעריהמט דורך איהרע אויסגעצייכענטע קוגעלס, וואס זי האט געמאכט יעדען שבת, ממש מעדני מלך.

און געמאכט האט זי דוקא יעדעס מאל א גרויסע קוגעל און ארומגעשיקט צו שטיקלעך צו די חשובי העיר צו פערזוכען.

האבען זיך אנגעהויבען מחלוקת צווישען די בעלי־בתים און זייערע ווייבער, הלמאי די ווייבער קענען נישט מאכען אזעלכע קוגעל'ס ווי חיה גיטעל, ס'האט אפילו געהאלטען ביי איטליכע גט'ען. די ווייבער האבען אבער בשום אופן נישט געקענט נאכמאכען חיה גיטל'ען די קוגעל, עפעס א סוד האט דארט געשטעקט אין איהר, וואס חיה גיטעל האט נישט געוואלט אויסזאגען, האבען די ווייבער געזעהען, אז ס'איז שלעכט, האט מען אנגעהויבען שיקען דעלעגאציעס צו חיה גיטעל'ען, אבער אומ־זיסט.

מאכט זיך א מעשה, אז חיה גיטעל ווערט קראנק, און ס'ווערט, רחמנא ליצלן, זעהר שלעכט, שיקט מען ראך נאך די חברה־קדישא ווייבער, אז זיי זאלען מיט חיה גיטעל'ען אפזאגען ווידוי און אלץ וואס א יורענע דארף פאר יציאות נשמה, האבען די חברה־קדישא ווייבער געמאכט אנ'אסיפה און בעשלאסען, אז כל־זמן חיה גיטעל וועט נישט אויסזאגען דעם סוד פון דער קוגעל, וועלען זיי מיט איהר נישט זאגען קיין ווידוי און בכלל נישט אהינגעהן צו איהר.

איז חיה גיטעל'ען געווארען ביטער אויף דער נשמה, זאל זי נישט אויסזאגען דעם סוד פון קו־געל, קען זי נאך שטארבען אהן ווידוי, זאל זי יא אויסזאגען, קען ראך דער אויבערשטער העלפען, אז זי וועט געזונד ווערען און אלע ווייבער וועלען וויסען דעם סוד.

נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען איז געבליבען, אז די חברה־קדישא ווייבער וועלען זאגען א ווארט ווידוי און חיה גיטעל וועט זאגען א ווארט פון דער קוגעל־רעצעפט.

אשמנו — האבען די ווייבער געזאגט.
— א ריין קוגעל־טעפעל — האט חיה גיטעל געזאגט.
— בגדנו.
— אונטערשמירען אביסעל שמאלץ.
— גזלנו.
— אביסעל ראזשינקעס. א. אז. וו. א. אז. וו.

מאכט זיך א מעשה, אז ביי פשענו שטארבט חיה גיטעל אוועק און די ווייבער זענען געבליבען אהן סוד פון קוגעל און חיה גיטעל אהן ווידוי.

איך זאג דאס א קעגען די אונטערהאנדלונגען וואס ווערען איצט געפיהרט צווישען די קהלה־פערוואלטונג און ר' בנימין קאהן וועגען סוד פון לאדזער עירוב.

ר' בנימין קאהן וויל נישט זאגען דעם סוד פון עירוב ביז ער וועט נישט בעקומען קיין 1000 דאלאר. די קהלה ווידער וויל נישט געבען קיין געלד ביז זי וועט נישט וויסען דעם סוד. מיר וואל־טען געמאכט דעמזעלבען פארשלאג, וואס צווישען די חברה־קדישא ווייבער און חיה גיטעל'ען. מיר ווינשען זיי אבער נישט דעמזעלבען סוף.

למך.

זכות אבות.

חברה קדישא האבען נישט געוואלט בעערדיגען א בר־מינן ביז אימיצער וועט געפינען אויף איהם עפעס א זכות. ער איז געווען זעהר א גרויסער אויס־טאורף ביים לעבען.

— איך האב א זכות, — זאגט דער גרע־בער, — זיין טאטע איז געווען צעהן מאל ערגער פון איהם...

פארוואס?

— זאג מיר נאר, פארוואס קען מען נישט דערגעהן ווי אלט די ערד איז?

— א פשוטע זאך, די ערד איז דאך לשון נקבה, און ביי א נקבה ווילסטו דערגעהן ווי אלט זי איז?

אריינגעזאגט.

א יונגעל עפענט די טיר פון א געוועלב און בויגט אריין זיין קאפ.

— יונגעלע, — פרעגט איהם דער סוחר, — וואס קוקסטו עפעס אריין אין מיין געוועלב?

— איך וויל זעהן, — זאגט דאס יונגעל, — וואס איהר האט דא צו פערקויפען.

— א פערקויף נאראנים. — זאגט ביין דער סוחר.

— און ווי איך זעה, — גיט א זאג דאס יונגעל, — מאכט איהר טאקע גוטע געשעפטען, וויל אלע נאראנים זענען ביי אייך אויספערקויפט געווארען און בלויז איין נאר איז געבליבען...

איך זוך

א שונא, וועלכער זאל מיט מיר וועלען געהן

אויף א דועל

עס קאן זיך מעלדען א גוטער פריינד אויך.

אפרטען אפציגעבען אין „קונדס".

ביים דאקטאר.

קריסטליכער דאקטאר (צו א יורישער פרוי): פון ווען זייט איהר קראנק?
פרוי: פון תשעה באב.
דאקטאר: וואס איז דאס?
פרוי: דער טאג ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארען.
דאקטאר: אך, מיין גאט, אזא לאנגע צייט...

נישט קיין היגער.

ערשטער יוד: וואס קען דאס זיין, ס'איז שוין „האלב חודש" און די לבנה איז נאך נישטא?
צווייטער יוד: איך קען אייך גאר נישט זא־גען. איך בין נישט קיין היגער.

א שטארקע שטימע.

מאיר: — האט עפעס אייער חזן א שטארקע שטימע?
שניאור: — איין קליינינקייט! אז ער ניט א געשריי „הבוחר בעמו ישראל באהבה", דער־שרעקט זיך דער עולם און אלע שרייען „שמע ישראל!"

נאט אייך די טארבע.

— אויב איהר וועט מיך האלטען איבער שבת, וועל איך אייך אוועקגעבען וואס איך וועל צונויפ־בעטלען זונטאג.
— פון וואגען וועל איך וויסען וויפיל איהר האט געמאכט?
— אויב איהר האט מורא, קענט איהר מיט־געהן מיט מיר.
— אבער מיר פאסט נישט.
— טא נאט אייך די טארבע און געהט אליין.

זיין חשק.

א יוד, א גרויסער פערדינער, רופט זיך אן צו מיר: איהר הערט? איך וואלט געגעבען טויזענד דאלאר צו ווערען א מיליאנער!

שפאס פון פאמיליען־ווינקעל

אויך נישט?

— אונזערע טיידלעך, זענען שוין אזוי „פרעך", אז זיי ווערען שוין פון קיין שום זאך אין דער וועלט נישט רויט.
— פון רויטען פודער שוין אויך נישט?

שלעכטע פיס

— דו האסט געהערט, פעני, מינדעל האט זיך גע־גט מיט איהר מאן, וויל ער האט שלעכטע פיס.
— איז דאס א גרונד פאר א גט?
— יא, ער פלעגט מיט די פיס אוועקגעהן אויף גאנצע נעכט.

געדעכט.

טאכטער: — מאמע! זשעני'ן האסטו געקויפט א פיאנא, קויף מיר אנ'אויטא.
מוטער: — צו וואס ברויכסטו אנ'אויטא?
טאכטער: — איך זאל קענען אוועקפאהרען ווען זי שפילט.

געטרייסט.

— מיין טאכטער האט געהאט א קינד, קוים עס בלויז 5 טעג.
— פאר די צוויי חדשים, וואס אייער טאכטער איז נאך דער חתונה איז דאס גאנץ גענוג.

זי האט נישט קיין צוטרויען.

פרוי (צו א דאקטאר'ס פרוי): פארוואס געהט איהר מיט אייער האלז־ליידען צו אנ'אנדער דאקטאר, און איהר לאזט אייך נישט בעהאנדלען פון אייער מאן?

דאקטאר'ס פרוי: איך האב צו איהם נישט קיין צו־טרויען. ער פערזאגט מיר באלד, אז איך זאל רעדען וואס ווייניגער.

קינא MIMOZA
178 קילינסקי 178.

היינט און פאלגענדע טעג!

דאס צוגעזאגטע לאנד

היינט און פאלגענדע טעג!

(ZIEMIA OBIECANA)

אימפאנירענדע וויזיע פון מענשליכען לעבען לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון WŁ. REYMONT אין די הויפטראלען: די קעניגין פון פוילישען עקראן

Jadwiga Smosarska, Kazimierz Junosza-Stępowski, Ludwik Solski, Gruszczyński i inni

דאס געעהרטע פובליקום ווערט געבעטען צו קומען אויף די פריהערע סעאנסען. די קאסע איז טעטיג אין געוו. טעג פון 4 א זייגער נאכמ. שבת פון 3 א זייגער נאכמ. זונטאג פון 2 א זייגער נאכמ.

דער נעכסטער פראגראם: „דער מענש אהן געוויסען".

קינא „ERA"
פרי-הער „פלארא" זאווישא 22 (בעלוט)

אנהויב פון די פארשטעלונגען אין געוו. טעג 5 נאכמיטאג שבת און זונטאג 2 א זייגער נאכמ. פארשטארקטער סימפאנישער ארקעסטער אונ-טער דער לייטונג פון ה' עסטרייכער.

פון דינסטאג, דעם 20. נאוועמבער ד. י. גרויסער פרעכטיגער פראגראם!

„אין קעניגרייך פון דער בייטש"

(דער סקאנדאל אין פעטערבורג)

אין די הויפט-ראלען די בעריהמטע פילם-סטארס:

Irena Rich i Conway Tearle

קינא „סירענא"
KINO TEATR „SYRENA" ŁÓDŹ ALEKSANDROWSKA 37 TEL. 49-48

אלעקסאנדראווסקא 37, טעל. 48-49.

פון דינסטאג, ד. 20 ביז מאנטאג, ד. 26 נאוועמבער ד. י. גרויסע פרעמיערע! רוהם פון דער פילם-קונסט!

JOHN GILBERT, Eleonora Boardman, Georg G. Artur

אין בילד

„די ליבע פון א פירשט"

רעזשי: King Vidor

גרויסער פילם, וואס איבערשטייגט אלע ביז-איצטיגע פילמען פון **DOUGLAS FAIRBANKS**

JOHN GILBERT contra DOUGLAS FAIRBANKS

אויסערדעם: אמעריקאנער קאמעדיע אין 2 אקטען.

נעכסטער פראגראם: דאפעלטער שלאגער-פראגראם 1) „דער פאלשער פירשט", 2) „דער רויטער ים-רויבער".

CZARY

פון היינט די לאנג-ערווארטעטע פרעמיערע! פון היינט די לאנג-ערווארטעטע פרעמיערע!

„דער פערכישופטער אינזעל"

סענסאציאנעלע אוואנטוריסטישע דראמע וואס אילוסטרירט די איבערלעבענישען פון די רייזענדער אין די ווילדע אמעריקאנער דזשונגלעס.

וואולקאן-אויסברוך! ערד-ציטערניש! שטאט און פערניכטונג!

אנהויב 4 א זייגער נאכמ. שבת און זונטאג 12 א זייגער בייטאג. אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען אלע פלעצער 50 גר.

ווער עס וויל

קויפען שלאף-צימער, שפייז-צימער, קאבינעטען ווי אויך ענצעל זאל זיך ווענדען נאר צו די איבעראל בעקאנטע סאלידע פירמע

מעבעל

I. M. Cerkeltaub 12 Narutowicza 12

w podwórzu, telefon 34-18.

רייכער אויסוואהל! גאראנטירטע ארבייט! ביליגסטע פרייזען! בעקוועמסטע בעדינגונגען!

פעלץ-ווארען

קען מען קויפען אמביליגסטען און אויף די בעקוועמסטע בעדינגונגען גאר ביי דער לאנג-יעהריגער פירמע

ל. ב. פעפער, וולטשאנסקא 42. טעלעפאן 04-78.

בעמערקונג: די קירזשנער-ווערקשטעל געפינט זיך אויפ'ן ארט. די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט פינקטליך און רעיעל.

פעלץ-ווארען

אלער ארט צו קאנקורענץ-פרייזען

צו בעקומען אויף די בעקוועמסטע בעדינגונגען ביי

37 גאלדוואסער, צעגעלניאנא 37

(רוג פעטריקאווער)

בעמערקונג: קירזשנער-ווערקשטעל אויפ'ן ארט. מ'נעהם אן פערשידענע ארבייט.

MIEJSKI KINEMATOGRAF OŚWIATOWY

Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26

Dojazd tramwajami 16 i 10.

Od wtorku, dnia 20-go do poniedziałku, dnia 26-go listopada 1928 r. wł.

Dla dorosłych: **Dla dorosłych:**

OTELLO

(ZEMSTA MURZYNA)

reżyserji Dymitra Bukowieckiego.

W rolach głównych:

Lya de Putti. Emil Jannings i Werner Krauss.

Dla młodzieży:

BITWA MORSKA przy wyspach Falklanzkich

רעטשניצע

פון דאקטוירים-ספעצ. און דענטיסטען-קאבינעט.

פעטריקאווער 62, טעל. 31-53.

אינערליכע קראנקהייטען	ד"ר ב. ראבינאוויטש; „ מ. וואלפסאן; „ א. טענענבוים	פון 2½-3½ און 7-8; „ 12-2; „ 4-6
כירורגישע קראנקהייטען	ד"ר י. שרייבער; „ א. פאכשאנסקי	פון 2½-4 און 7-8; „ 12-1 און 5-6
פרויען-קראנק-הייטען און געבורטס-הילף	ד"ר ד. אלטערמאן; „ מ. פעלדמאן; פרוי ד"ר ח. זעלדאוויטש-קלאטשקא; „ „ גוטמאן זאנד טענענבוים	פון 11-1; „ 5½-7½; שבת, זונט. דינסט. דאנ. 3-5; זונט. מאנט. מיט. פרייט. 3-5
קינדער-קראנקהייטען	ד"ר מ. נוטענמאג; „ ל. פאמיליער	פון 12-1; „ 4-6
גערווען-קראנק.	ד"ר מ. מאשלאנקא	פון 6-7 זונטאג 1-2½
אויגען-קראנקהייטען	ד"ר י. סטופאי; „ ס. האלענדערספא	פון 1-2 און 4-5; 11-12, 6-8 זונט. 12-2
נאז, האלז און אויערן-קראנק.	ד"ר מ. קלאטשקא; „ באל. קאן	פון 11-1 און 7-8; „ 3½-5½
הויט- און וועגערישע קראנק.	ד"ר פ. ברוין; „ י. סאלאווייטשיק	פון 10½-2½; „ 6-8
ציין- און מויל-קראנקהייטען	צאהן-ארצט מ. שפעטם; „ מ. רעזניקאווא; „ ב. טשודנאווסקא; „ ז. קאצענבאגען	פון 9-10½ און 8-9; „ 2½-5; „ 11-1½; „ 5½-8

די לעטשניצע איז טעטיג טעגליך פון 9 פריה ביז 9 אין אווענד.

קווארץ-לאמפען און גרופען-בעשטראהלונג.

ס'ווערען געמאכט אפעראציעס, בעשטראהלונגען מיט קווארץ-לאמפען עקסטראקציע און פלאמבירען, קינסטליכע ציינער, קראנען, גאלד-בריקען און פלאטין.

וויזיטען אין שטאדט. נאכט-דיזשור. געבורטס-הילף.

דער פעראיין 2548

מחזיקי חולים, קילינסקי 120, טעלעפאן 52-65.

טיילט מיט, אז עס ווערען ערלעדיגט אלער ארט דאקטוירים-וויזיטען פאר א גאנץ קליינעם אפצאהל ארימע איינגאנצען בחנם. טעגליך פון 9 ביז 1 און פון 3 ביז 9 אווענד.

עס ווערען אויך ערלעדיגט אלער ארט אנאליזען.

בעמ.: ביים פעראיין מחזיקי חולים זענען אנגאשירט 12 בעוואוסטע דאקטוירים-ספעציאליסטען.

די פערוואלטונג.

Dr. med. ALBERT GOTLIB

פיעטריקאווער 26, טעל. 77-50.

אקושער און פרויען-קראנקהייטען

נעהמט אן פון 4 ביז 7 אין אווענד. 2631

וויכטיג פאר שטרימף-פאבריקאנטען אויך גארן-הענדלער!!!

אין מיין מעכאנישער קונסט-גארן-צווירנעריי, וויערזשבאווא 6

עקע פאמארסקא. צופאהר מיט'ן טראמוואי נומ' 4

ווערט אנגענומען צו צווירנען אלערליי גארן פאר שטרימף, ווי אויך אנדערע צוועקען. באלדיגע ערלעדיגונג, רעיעלע בעהאנדלונג, אויך צוגענגליכע פרייזען.

מיט אכטונג **ה. רייכערט,**

מעכאן. צווירנעריי, וויערזשבאווא 6

ועפארמאציע-פילען

מיט דער מארקע גייסטליכער פאקאט פון יאהר 1602 רעגולירען דעם מאגען, שטילען רעומאטיזם, לעבער-ליידען, מאגען דיקקייט, אטרעטיזם, דאס קאפ-שווינדעל אין קאפף, שטילען די יסורים פון הע-מאראידען, רייניגען דאס בלוט און ב...-ניינונגען צו אבסטרוקציע — א ... הארכרייניגונגס-מיטעל.

צונעמען 1 אדער 2 פילען א נאכט.

פרייז פון א שאכטעל 1.35. אויטאריזירט פון דער אפטייק

Kanczewski, Tuszyński, Warszawa, Trębacka 4

צו פערלאנגען אין די אפטייקען און סקלאדען מיט'ן „גייסטליכען" (Zakonnik). 644

די אינהאבער פון פענסיאנאט אין קאמינסק

פ. זנאמיראווסקי און מ. דאברזינסקי

עפענען

א פענסיאנאט אין זאקאפאנע

פון ערשטען דעצעמבער 1928 ווילע קרולעוויאנקא קאשטשעלנא 10 מיט אלע בעקוועמליכקייטען. רעיעלע בעהאנדלונג.

מיט אכטונג

פ. זנאמיראווסקי און מ. דאברזינסקי

בעמערקונג: ביי זנאמיראווסקי אין קאמינסק איז דער פענסיאנאט ווינטער אויך טעטיג.

אויף בינסטיגע בעדינגונגען!
טעטאר-בעטען, שפאציר-וועגעלעך, מאטראצען געבעטע-דרוטענע וי אויך צו האלטן "Patent" רוים מאס-וואש-מישען און היגיענישע אמבילונגסטען
אין פאבריקס-לאגער
"DOBROPOL" Łódź
Piotrkowska 73 w podwórzu

העכער פון אלע אנדערע
Alboril
די פארנעהמסטע אראמאטישע הויזליכע זייף.

א לעהרערין
א גוטע פעדאגאגין ערטיילט אונטערריכט אין יודישער, פוילישער און דייטשער, שפראכען פאר ערוואקסענע צו ביליגע פרייזען 697
לאסמאן בזשעזשינר 15

לעכער מאשינאווע ווערען אויסגענייט צו ביליגע פרייזען
ג. נארדמאן ציגעלנא 29

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר וועגערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגיע און נערוועז-קראנקהייטען.
קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.
— — — טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אוועגד. — — —
פון 11 ביז 12 בייטאג און פון 2 ביז 3 נאכמיטאג נעהמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען.
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
— — באזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען. — —
וויזיט 3 זל.

איך קאן זאגען מיט דער פולער רעכט
אז אין מיין היטען-געשעפט
האב איך געזעהן איינצופיהרען
אז ס'זאל דיך קיינער נישט זשעגירען
סיי ארים און רייך
זענען ביי מיר אלע גלייך
קריגט איטליכער צו קויפען א היט
טאקע זעהר ביליג און גוט
סיי פאר פרויען און מענער
מעגען זיי זיין די גרעסטע זאך-קענער
וועלען זיי נישט וואגען צו זאגען
אז מיינס א היט טוט זיך שלעכט טראגען
און נאך א זאך טו איך אייך פראפאנירען
אז איך נעהם אן היט צו איבערפאסאנירען
און אויך טאקע פאר פרויען און מענער
אויף דעם וועלען בעשטעטיגען די בעסט זאכקענער
אז איך מאך ביליג און גוט
אז פון גאר אנ'אלטען קומט ארויס א נייער הוט
דאס איז נישט אין לייפציג און נישט אין דאנציג
נאר טאקע אין לאדז זגערסקא 20
אדער לוטאמירסקא 2 פערדער

אכטונג, קאלאשען-פעדריכטער!
ווילט איהר, אז אייער ארבייט זאל נישט אומזיסט זיין, זאלט איהר נור נוצען דעם קלעב-שטאף
„Cement Renoma"
צובעקומען אין אלע געוועלבער פון שוסטער-צוזאטען.

עלץ-אויסארבייטונגען
לויט די נייעסטע מאדעלען אין א רייכען אויסוואהל ווי אויך ענצעלנע פעלעכלעך
אלערליי רעפאראטורען אויף די בעסטע בעדינגונגען עמפפעהלט
I. SZWARCMAN
Narutowicza 42 tel. 66-31

— to brzmi nieprawdopodobnie — a jednak może być faktem! Marzenie Szanownej Pani, posiadać na starsze lata własny domek, może się stać rzeczywistością. Zależy to jedynie od Pani samej. Jeżeli Szanowna Pani do swej bielizny używać będzie tylko tanich i dobrych wyrobów „Kołłontaya", — jak n. p. mydła „Kołłontay", sody do bielenia „Kołłontaya" i proszku do prania „Boraxil", to Szanowna Pani na tanich zakupach i dłuższej wytrzymałości swej bielizny, łatwo sobie zaoszczędzi 10.— złotych miesięcznie. Wpłacając je regularnie co miesiąc do kasy oszczędności (na 7 procent), to po 30 latach, aczkolwiek w rzeczywistości wpłacono tylko 3 600 złotych, Szanowna Pani dzięki procentom posiadać będzie kapitał w wysokości 11 756,— złotych. Suma ta wystarczy na zakup lub na zadatek ładnego domku. Tak znaczne oszczędności przysporzy Szanownej Pani regularny zakup mydła „Kołłontay z pralką" itd.

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927.
Zastępca: S. B. Redlic, Łódź, Pomorska 19.

OSŁABIENIE
BLEDNICĘ
LECZY
HEMOGEN
oryginalny tylko
z firmą
KLAWE

ד"ר מ. וואלפסאן
17 ווסכאדניא 17
טעלעפאן 28-83
איז צוריקגעקעהרט

LEKARZ DENTYSTA צאהן-ארצט
St. GELBERG
אנאניא 15, טעל. 08-31.
היילט גאנץ פערנאכלעסיגטע צייהן- און מויל-קראנקהייטען-ציהונג אהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראהלונג, ספעציעלער לאבאראטאריום פון קינסטליכע ציינער
נעהמט אן פון 9 פריה ביז 7 אוועגד.

מעבעל
ערשטקלאסיגע, אייגענע אויסארבייטונג ווי: שפייזע-צימער, שלאף-צימער
ווי אויך איינצעלנע מעבעל-שטיקער
צו מעסיגע פרייזען, גוטע בעדינגונגען און רעעלע בעהאנדלונג איז צו בעקומען ביים טישלער שוו. יאקובא 16.
ס'ווערען אויך אנגענומען בעשטעלונגען. בעמ.: צופאהר מיט'ן טראמוואי נומער 14.

ביטשריפט-ביורא
ב. האכבערג פאנסקא 1
טעל. 36-77
ערלעדיגט אלע ארט געריכטליכע- און שטייער-אנגעלעגענהייטען אין אלע אמטען אויך אויף לאדזער וואיעוואדזטווע רעיעל און פינקטליך.
בעמערקונג: וועגען פערשידענע שטייער-פראגען נעהם איך פערזענליך אן צווישען 5-6 נאכמיטאג.

ד"ר א. ס. טענענבוים
וואלטשאנסקא 4, טעלעפאן 40-25
אינערליכע קראנקהייטען
איז צוריקגעקעהרט.
נעמט אן פון 6 ביז 7 אין אווענד. 2170

פעלץ-ווארען
אלערארט אין א גרויסען אויסוואהל
צו צוגענגליכע פרייזען און גינסטיגע בעדינגונגען
B-cia F. i J. Pietruszka עמפפעהלען
זשעלאזנא 2, טעל. 38-42
פיעטריקאווער 165, טעל. 17-75.
בעמערקונג: קירזשנער ווערקשטעל אויפ'ן ארט.

Dr. med. J. DYNENSON
קינדער-קראנקהייטען
פאלודניאווא 9, טעלעפאן 23-70.
נעהמט אן פון 3—5 נאכמיטאג.

אויף ראטעס!!!
אויבער-העמדער
און נאכט-העמדער
פון פאפעלין, זעפיר און אנדערע שטאפען
צו בעקומען אין דער ערשטקלאסיגער פראצאווניע פון
J. WOROBIEJCZYK
41 KILIŃSKIEGO 41

טליתים-פאבריק
אויסארבייטונג פון וואלענע, האלב-וואלענע, זיידענע טליתים כמו טערקישע, ווי אויך טליתים-קטנים, הורט און דעטייל מיט אויספערטיגונג, אויך גארטלען, שפאניער און ציצית, צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל
ביי א. ח. ציטרינאווסקי, קאמיענא 1.
אין 2. טויער, פארטער. קומט און איבערצייגט אייך
בעמ.: ס'ווערען אויך אנגענומען אלטע טליתים צום וואשען.

Dr. med.
H. Gutsztadt
ספעצ.-ארצט פאר אקושער- און פרויען-קראנקהייטען
צעגעלניאנא 23
Zachodnia 62 tel. 29-52
נעמט-אן פון 4—7 אוועגד.
אין לעטשניצע „סאניטאס"
צעגעלניאנא 29 פון 6—8 או

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al Kościuszki 27
tel. 54-78,
הויט און וועגערישע קראנקה. רענטגען און ליכט-הייל אינסט.
נעמט אן פון 4—7 אין אוועגד
צוריקגעקעהרט

קאנאריק-פייגעל
פראכט-זינגער
קלאטקעס פאר פייגעל
— אין מאדערנער —
מעטאל-אויספיהרונג
גאלד און עגזאט.
ציר-פישלעך
זעמטליכע אוטענזיליען
אין א גרויסען אויסוואהל ביי
MAXIMILJAN KÖNIG
זאאלאגישע האנדלונג
Łódź, Nawrot 43a

אייזערנע— קוכען
פון קאפלעס און שאמאט פון פער שידענע מוסטערן און סארטען אין א גרויסען אויסוואהל עמפפעהלט אויף בעקוועמע בעדינגונגען
M ELECHNOWICZ
1a ŻEROMSKIEGO (Pańska) 1a
אויספיהרונג ערשטקלאסיגע! צוגענגליכע פרייזען!

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקה. בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע.
האט זיך איבערגעצויגען אויף אנדזשעיא 5
נעמט אן פון 8 — 10 פריה און פון 5—9 אין אוועגד.
באזונדערע ווארטע-זאל. פאר פרויען.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייע פאלקסבלאט

23 פרייטאג — י' כסלו תרפ"ט

נאוועמבער

זון-אויפגאנג 7.12
זון-אונטערגאנג 3.36

ליכט-צינדען 3,23

פון דער רעדאקציע

די וואך האט זיך אין „נייעם פאלקסבלאט" אנגעהויבען צו דרוקען דער נייער ראמאן א. נ. „דער שווארצער וואלף".

אויף דער הענדונג פון א סך לעזער, גיבען מיר אין היינטיגען נומער נאכאמאל דעם טייל ראמאן וואס איז געווען געדרוקט ביז איצט צוזאמען מיט דער היינטיגער פארטזעצונג.

א פעראָרדנונג וועגן בעקעמפען די ספעקולאציע מיט דירות

(2) אין צוזאמענהאנג מיט דער דירות-ליכווע, וועלכע האט לעצטענס אנגענומען א ספעציעל-שפעקולאטיווען כאראקטער, האט דער שטעטישער סטאראסטע, ה' סטשעמינסקי בעשלאסען ארויסצוגעבען אן ענטשפרעכענדע פעראָרדנונג, וועלכע זאל בעקעמפען די שפעקולאציע מיט דירות.

היינט — אויסצאהלונגען פון אונטערשטיצונג פאר ארבייטס-לאזע אינטעלעקטועלע.

(2) היינט קומט פאר אין לאקאל פונ'ם ארבייטסלאזען-פאנד (אל. קאשצושקי 9) די אויסצאהלונג פון אונטערשטיצונג פאר די ארבייטסלאזע אינטעלעקטועלע.

עס וועט אויסגעצאהלט ווערען 30.000 זל.

בערעכטיגטע צו בעקומען די אונטערשטיצונגען זענען פארהאן אין לאדז 357 פערזאן און אין דער פראווינץ 122. די ארבייטסלאזע וועלכע וועלען היינט קיין אונטערשטיצונג נישט בעקומען קענען רעקלאמירען דעם 24, 25 און 27 ד. ח.

דעם 28-טען וועלען די רעקלאמאנטען בעקומען אויסגעצאהלט.

בעלייכטונג פון באלוט

(מ) אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס אין ראיאן פון באלוטער מארק האט זיך פערגרעסערט די אלגעמיינע בעוועגונג, האט דער מאגיסטראט פעראָרדענט צו בעלייכטען מיט לאמפען פון 500 ליכט די זגערזשער גאס, צווישען פלאץ קאשטשעלני און באלוטער מארק, און די רוגען פון אלעקסאנדער גאס און באלוטער מארק.

די אינסטאלאציע-ארבייטען וועלען אויסגעפערטיגט ווערען נאך היי-יאהר.

זעלבסטמארד פון א היימלאזין

(2) נעכטען איז אין לאקאל פון אלטע- און קאלעקען-הויז, אויף נארוטאוויטש 60, פארגעקומען א זעלבסטמארד-פאל. די 48-יעהריגע היימלאזע וויקטאריא קאוואלסקא האט אויסגעטרונקען א גרעסערע דאזע ליזאל. די פאנאטאוויע האט זי אפגעפיהרט אין ראדאגאשטשער שפיטאל.

בעשטעטיגט דעם בידזשעט פון דער לאדזער קהלה.

נעכטען האט די קהלה-פערוואלטונג בעקומען צוגעשיקט א מיטטיילונג פון בילדונגס-מיניסטעריום, אז דאס מיניסטעריום האט בעשטעטיגט די בידזשעטען פון דער לאדזער קהלה-פערוואלטונג פאר די יאהרען 1927 און 1928 און זיי איבערגעשיקט אין דער לאדזער וואיעוואדזשטווע.

די מיטטיילונג איז אונטערגעשריבען דורכ'ן מיניסטעריאל-ראט עדעלבערג.

ווי מיר דערוויסען זיך זענען שוין די בעשטעטיגטע בידזשעטען אנגעקומען אין דער היגער וואיעוואדזשטווע און זיי וועלען אין די נאהענטסטע טעג אנקומען אין דער קהלה.

—=:§:=—

דער שפיטאל פון קראנקען-קאסע אויף זאגאיעווסקא גאס.

(2) ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האט דער קרייז-פעראיין פון די קראנקען-קאסעס בעשלאסען צו בויען אן'איינענעם שפיטאל אויף זאגאיעווסקא גאס. די געביידע איז פערמאסטען אויפ'ן מוסטער פון די אויסלענדישע שפיטעלער מיט אלע נייעסטע און מאדערנסטע איינריכטונגען, איצט געפינט זיך די געביידע שוין אונטער'ן דאך עס האט אבער געפעהלט געלד דעם שפיטאל אויסצופערטיגען. צוליב דעם האט זיך די פערוואלטונג פון קראנקען-קאסע געווענדעט צום פערזיכערונגס-אמט וועגען א הלואה פון 600,000 זלאטעס. די הלואה האט די קראנקען-קאסע בעקומען אויף 8,5 פראצענט יעהרליך. די ערשטע ראטע פון דער הלואה 350,000 זלאטעס האט די קראנקען-קאסע שוין בעקומען.

א דאנק דער הלואה וועט דער שפיטאל אויסגעפערטיגט ווערען און קענען איבערגעגעבען ווערען פאר'ן געזעלשאפטליכען געברויך אין נאוועמבער 1929 י.

דירעקציע פון צופאהר-טראמוואיען

האלט נישט דעם אפמאך מיט'ן מאגיסטראט.

(2) ווי בעוואוסט, האט דער לאדזער מאגיסטראט געשלאסען אן'אפמאך מיט די צופאהר-טראמוואיען וועגען הנחה-בילעטען פאר די בירגער וואס וואוינען אין די עקען שטאדט.

די דירעקציע פון די צופאהר-טראמוואיען האלט אבער נישט דעם אפמאך.

צוליב דעם האט דער לייטער פון דער אפטיילונג פון די שטעטישע אונטערנעהמונגען, וויצע-פרעזידענט ראפאלסקי אנגעגעבען אן'אנקלאגע אין וואיעוואדע-אמט, וועלכער רופט צוזאמען א געמיינזאמע קאנפערענץ כדי דעם סכסוך צו ליקווידירען און ווירקען אויף דער דירעקציע פון די צופאהר-טראמוואיען, אז זי זאל האלטען דעם געשלאסענעם אפמאך.

וועגען משה'ן שטייט: „אז ישיר",

און מורינו הערש-דוד פערקויפט טריף אלס כשר...

מיט א צייט צוריק האט מען געמאלדען דעם באלוטער רב, אז דער קצב פון אלעקסאנדראווסקא 23, הערש דוד געלבערט. פערקויפט טריפה פלייש פאר כשר. מ'האט מיטגעטיילט דעם רב, אז ביים ראזיגען קצב געפינט זיך איצט א גאנץ זייטעל פלייש אהן שום שטעמפעל. ווען דער באלוטער רב איז געקומען צום קצב, האט ער דארט געפונען דאס פלייש שוין צוהאקט, און אייניגע שטיקער פלייש זענען געווען פערשמירט אין שטעמפעל-פארב אדער אזוי אז מ'האט גארנישט געקענט איבערלייענען.

דער קצב האט דעם רב אויפגענומען זעהר גראב, נישט קוקענדיג אויף זיין עלטער, אזוי אז דער אלטער רב האט געמוזט אנטלויפען אויף א דראזשקע.

הער ועד-הרבנים האט דעריבער בעשלאסען ארויסצורופען געלבארט'ן צום בית-דין.

נעכטען איז געלבארט געקומען אין ראבינאט. דארט איז ער ווידער אויפגעטראטען זעהר גראב, און דער ראבינאט האט בעשלאסען צו פערעפענטליכען א ווארנונג, אז ביי געלבארט'ן טאר מען נישט קויפען קיין כשר פלייש.

פאלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

מארגען, שבת, דעם 24 נאוו. — 3 פארלעזונגען:

1) 5 נאכמ. אין לאקאל פון דער ציוניסט. ארג. צעגעלנ. 4) ד"ר י. פרענקעל: „תולדות השירה העברית" (הרצאה 5: ביאליק)

2) 7 אוונט אין „בני-ציון" (רזשגאווסקא 7) ד"ר מ. פעלדמאן: „סובאטעם אלס פאלקס-קראנקהייט".

3) 8 אוונט אין צענטר. יודישען האנדו. פערבאנד (פאלודני 4) ד"ר ד. ראוויטש: „היגיענע אין טעגליכען לעבען". איינגאנג פריי!

די נאהענטסטע פארלעזונג:

זונטאג, 5 נאכמ. אין „סיני" (גלובנא 62) ה' א. ליב אשיצקי: „יודישע געשיכטע"

רעגיסטראציע פון יאהרגאנג 1908.

היינט דארפען זיך רעגיסטרירען אלע געבוירענע אין 1908 י. וועלכע וואוינען אין 13. פאליציי-קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן מיט די בוכשטאבען:

Sz. T. U. W. Z. Ż

מארגען — 14 פאליציי-קאמיסאריאט

A. B. C, D. E. F. G.

די רעגיסטראציע קומט פאר אין לאקאל פון מיליטעריש-פאליצייאישען ביורא ביים מאגיסטראט (פיעטרקאווער 212) און קומט פאר פון 8.15 ביז 1 א זייגער בייטאג.

קאנטראל-פערזאמלונגען פאר רעזערוויסטען.

(—) אויף נאווא-טארגאווא 18 דארפען זיך היינט מעלדען די געבוירענע אין 1898, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 2. 3. 5. 8. 9. און 11 פאליציי-קאמיסאריאט און זייערע נעמען הויבען זיך אן אויף

A. B. C. D. E. F. G. H. Ch. I. J. K. L. Ł.

מארגען — געבוירענע אין 1898 אויף

M. N. O. P. R. S. T. U. W. Z. Ż

אויף קאנסטאנטינער 62 דארפען זיך היינט מעלדען די געבוירענע אין י. 1888, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2. 3. 5. 8. 9. און 11 פאליציי-קאמיסאריאטען אויף די בוכשטאבען

U. W. Z.

מארגען, געבוירענע אין 1901 אויף די בוכשטאבען

A. B. C. D. E. F. G. H CH.

היינט דארפען זיך שטעלען אויף לעשנא 9, די רעזערוויסטען פון 1903 י. וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 12-טען קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן אויף אלע בוכשטאבען.

מארגען — פון 13 פאליציי-קאמיסאריאט אויף

A. B. C. D. E. F. G. H.

אויף נאווא-צעגעלניאנא 51, דארפען זיך מעלדען די רעזערוויסטען פון 1894 י., וואס וואוינען אין 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14 פאליציי-קאמיסאריאט, מיט די פאמיליען-נעמען אויף אלע בוכשטאבען.

מארגען — פון 1893 יאהר פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14 קאמיסאריאט אויף אלע בוכשטאבען.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען.

(2) יורשים פון וואיטשיצקי (נאפיורקאווסקי 27), וו. ראניעלעצקי, (פעטריקאווער 127), אילניצקי און צימער (וואלטשאנסקא 37), יורשים פון לייווענבער (פרייהייטס-פלאץ 2), יורשים פון הארטמאן (מלינארסקא 1), י. קאהאנע (אלעקסנדראווסקא 37), א. סאראווסקי (זגערזשער 87), ז. נארטשיק (פושעיאזר 59), א. שימאנסקי (פושענרזועלניאנא 75), א. בוסע (שגאווסקא 59).

Do dnia l-go grudnia

TANIA WYPRZEDAŻ

RESZTEK i TOWARÓW POSEZONOWYCH

CENY SENSACYJNIE NISKIE

B-cia Z. i A. RAPPEPORT

Piotrkowska 15.

ביז'ן 7 דעצעמבער וועט פערעפענטליכט ווערן דער טערמין פון נייע וואהלען צו דער קראנקען-קאסע

די קאנפערענץ פון דער לאדזער דעלעגאציע אין ווארשא

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט אין נעכטיגען נומער „נייער פאלקסבלאט" האט די פערוואלטונג פון קראנקען־קאסע צוזאמען מיט דעם בעשלוס וועגען אפלעגען די וואהלען צו דער קראנקען־קאסע אויך בעשלאסען צו שיקען א דעלעגאציע אין הויפט־פערזיכערונגס־אמט אין ווארשא, וואו עס זאל איבערגעגעבען ווערן דער בעשלוס פון דער פערוואלטונג וועגען אפלעגען די וואהלען או נעס זאל גלייכצייטיג פערלאנגט ווערן צו בעשטימען א טערמין אויף נייע וואהלען.

נעכטען איז די דעלעגאציע אין די פערזאנען פון ה' וואיראן, קאושמערטשאק און דיר. סאמדבארסקי ארויסגעפאהרען קיין ווארשא. זיי זענען אויפגענומען געווארען אין הויפט־פערזיכערונגס־אמט וואו די דעלעגאציע האט בעריכטעט וועגען די אנגענומענע בעשלוסען פון דער לאדזער קראנקען־קאסע פערוואלטונג בנוגע דעם אפלעגען די וואהלען און אז. וו.

נאך א לענגערע בעראטונג האט דער הויפט־פערזיכערונגס־אמט בעשטעטיגט דעם בעשלוס פון דער לאדזער קראנקען־קאסע־פערוואלטונג אפצולעגען די וואהלען. די דעלעגאציע האט אויך אינטערווענירט וועגען בעשטימען א טערמין אויף נייע וואהלען. דער הויפט־פערזיכערונגס־אמט האט געענטפערט, אז נישט שפעטער, ווי ביז'ן 7. דעצעמבער וועט בעקאנט געמאכט ווערן דער טערמין פון די נייע וואהלען.

די ארץ-ישראל-דעלעגאציע קומט היינט קיין לאדז.

קבלת פנים ביי דער באהן.

היינט 11 פריה קומט קיין לאדז די דעלעגאציע פון ארץ־ישראל: ריכטער ליב יפה, מיטגליד פון דירעקטאריום פון „קרן היסוד" אין ירושלים און ה' שמואל זשוכאוויצקי, גרינדער און בויער פון דער בעקאנטער קאלאניע מגדיאל אין ארץ ישראל. גלייכצייטיג קומט אויך צו פאהרען אין אונזער שטאדט ד"ר משה וואלדמאן פון בערלין, רעדאקטאר פון דער „יודישער רונדשוי", מיטגליד פון צענטראל־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער פעראייניגונג אין דייטשלאנד און פרנס פון דער בערלינער יודישע קהלה.

אויף דעם פאבריקס־באהנהויף וועלען מקבל־פנים זיין די חשוב'ע געסט דער קאמיטעט פון „קרן היסוד", פארשטעהער פון די ציוניסטישע גרופירונגען און פון פערשידענע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס.

היינט פרייטאג צו קבלת שבת וועט פארקומען א פייערליכע אויפנאהמע פאר דער דעלעגאציע אין דער ציוניסטישער שוהל „אהל יעקב" (גדאנסקא 18), מארגען שבת פריה וועט ה' יפה זיין ביים דאוונען אין דער סינאגאגע אויף אל. קאשטשושקא אין דער בעגלייטונג פון מיטגלידער פון „קרן היסוד" קאמיטעט. צו דערזעלבער צייט וועט ה' ש. זשוכאוויצקי זיין ביים דאוונען אין דער ווילקער שוהל וואו דער גאסט אליין וועט האלטען א רעדע וועגען ארץ־ישראל.

זונטאג דעם 25/11, 9 אווענד קומט פאר א פייערליכע אקאדעמיע לכבוד דער דעלעגאציע אין פילהארמאניע־זאל. די מיטגלידער פון דער ארץ־ישראל דעלעגאציע ה"ה יפה און זשוכאוויצקי ווי אויך ד"ר מ. וואלדמאן וועלען ארויסטרעטען מיט רעדעס וועגען דער לאגע און פערספעקטיוון פון אויפבוי ווערק אין א"ץ ישראל. אין דער אקאדעמיע וועלען זיך אויך בעטייליגען ארקעסטער און כאר פון די יודישע גימנאזיעס פון דער גע. פארמיטעל־שולען, דעלעגאציעס פון די פערשידענע ארגאניזאציעס און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס מיט די פאהנען, א. א. וו.

אשר ליב נירענבערג

עהערגעכטען איז אין לאדז געשטארבען אין זיינע בליהענדסטע יאהרען דער יודישער אקטיאר אשר לייב נירענבערג.

דאס לעבען פון יודישען אקטיאר איז בכלל נישט קיין פרעהליכעס. מ'דארף בעזיצען זעהר פיל איבערגעבענהייט און ליבע פאר דער יודישער קולטור, פאר'ן יודישען טעאטער, כדי זיך צו ווידמענען דער יודישער ביהנע. נירענבערג איז פון זיין פריהסטע יוגענד ארויף אויף דער יודישער ביהנע, מיטגעמאכט אלע ליידען און פריידען, עליה און ירידה פון יודישען טעאטער, דארט געקעמפט און געליטען און זיינע יונגע יאהרען אוועקגעגעבען.

אין לאדז איז נירענבערג געווען זעהר גוט בעקאנט. ער האט דא געשפילט לאנגע יאהרען אין די פערשידענסטע ראלען און רעפערטוארען.

עס טרויערען נאך איהם זיינע קאלעגען, ארטיסטען, פריינד און זעהר פיל בעזוכער פון יודישען טעאטער.

זאל איהם די ערד לייכט זיין.

אין „ארט"

גרויסער ערפאלג פון „אליך טאנצט".

דער דריטער פראגראם פון „ארט" געהט שוין צוויי וואכען צייט מיט אנ'אליך שטייגענדיגען ערפאלג. אויך די פרעקווענץ איז א זעהר שטארקע, און בילעטען אויף די פרייטאג־שבת־ און זונטאג־פארשטעלונגען ווערען געקויפט מיט איניגע טעג פריהער.

דער עקספערימענט מיט דעם אויפפיהרען די 2־אקטיגע מיטעלאלטערליכע לעגענדע א. נאמען „שטארקער פון טויט" איז פון דעם גרויסען עולם טעאטער־מבינים אנערקענט געווארען אלס זעהר געראטענער, און ווען מ'רעכענט צו אזעלכע העכסט געלונגענע נומערען ווי „ליבשאפט שיפט", „אונזערע קינדער", „וואס יעדערער טוט", „ווען תייבער שווייגען" און „אליך טאנצט", בעקומט מען אין רעזולטאט א גלענצענדע טעאטער־פארשטעלונג, מיט וועלכער אונזער „ארט" מעג שטאלצירען!

היינט — 2 פארשטעלונגען. מארגען — 3.

פון טעאטער פאפולארנע.

„מלכה שווארצענקאפ" וועט געשפילט ווערען היינט צום 42־סטען מאל, נאכדעם געהט ארויף אויפ'ן אפיש ביז דאנערשטאג דעם 29 ד. ח. דער פרעהליכער פארס „דער טונקעלער פלעק".

די נאהענטסטע פרעמיערע איז ווידער זאפאלסקאס א פיעסע „יונה פירולקעס", וואס דאס איז א פארזעצונג פון „מלכה שווארצענקאפ".

אין זאל אויף גייערס מארק.

זונטאג 12 א זייגער בייטאג א פארשטעלונג „קינדער פאר קינדער" עס נעהמען אנטייל דער אנסאמבל פון דער באלעט־שולע פון פראפ. זאדבארסקי.

כדי צו בעקענען די איינוואוינער פון גייערס ראיאן מיט דער פראכטפולער פיעסע „מלכה שווארצענקאפ" ווערט די פיעסע איבערגעטראגען אויף עטליכע טעג אין זאל אויף גייערס מארק (פעטריקאווער 295). די ערשטע פארשטעלונג — שבת האלב 5 בייטאג, די צווייטע — שבת האלב 9 אין אווענד. ווייטער זונטאג בייטאג און אין אווענד און מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך אין אווענד.

פון פאלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

מארגען, שבת קומען פאר 3 פארלעזונגען: 1) 5 נ. מ. אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע די 5־טע פארלעזונג פון העברעאישען ציקל: געשיכטע פון דער העברעאישער פאעזיע, פרעלעגענט: ד"ר י. פרענקעל. 2) 7 אווענד אין „בני ציון" אויף רזשגאווסקא נאם 7) ד"ר מ. פעלדמאן אויף ד. ט.: „סוכאטעס אלס פאלקס־קראנקהייט". 3) 8 אווענד אין לאקאל פון צענטער. יאר. האנדווערקער פערבאנד ד"ר ד. ראוויטש אויף ד. ט.: „היגיענע אין טעגליכען לעבען".

דער אריינגאנג צו די פארלעזונגען איז פריי.

פון פרויען-קלוב וו.י.ז.א

די פערוואלטונג מאכט בעקאנט, אז אנשטאט מיטוואך וועט דאס מאל דער וועכענטליכער טע־אווענד פארקומען מאנטאג ד. 26. ד. י. און עס וועלען ארויסטרעטען מיט רעפעראטען די חשובע געסט פון פאלעסטינע דער הויפט־דירעקטאר פון „קרן היסוד" אין ירושלים ה' לייב יפה און דער פארזיצענדער פון קאלאניסטען־פערבאנד אין ארץ־ישראל ה' ש. זשוכאוויצקי.

איינטריט פאר מיטגלידערינס און אריינגעפיהרטע געסט נור געגען איינטריטס־קארטען, וועלכע מען קען בעקומען אומזיסט אין לאקאל פון קלוב טעגליך פון 5—10 אווענדס.

שיער דערשטיקט געווארן אין א קאנאליזאציע-פילטער.

(2) אויף פיראמאוויטש נאם 1 איז דער 22־יעהריגער ארבייטער פראנצישעק גולאק (דרעוונאווסקא 63) געווען בעשעפטיגט ביים פעררייכטען די קאנאליזאציאנס־רעהר אין ביאלאגישען גרובען. פון די שטיקענדע גאזען איז דער ארבייטער דערשטיקט געווארען און געפאלען אין חלשות. מען האט ארויסגערופען פאגאטאוויע וועלכע האט דעם ארבייטער ערטיילט די ערשטע הילף.

די עגזאמענס פאר לעהרער פון די פאלקס-שולען.

(וו) דאס לאדזער שוהל־קוראטאריום האט פאר די לעהרער פון די פאלקס־שולען, וועלכע האבען נאך נישט קיין פולע קוואליפיקאציעס בעשטימט דעם לעצטען טערמין פאר עקזאמענס אויף פעברואר 1929 י.

אקציע געגען שווינדזוכט

אין פוילען שטארבען יעהרליך אויף שווינדזוכט אנ'ערך 70,000 איינוואוינער, פון זיי די גרעסטע טייל — יוגענד. כדי צו פערקלענערען דעם אומגליק דארפען אין פוילען די צאהל אמבולאטאריעס, סאנאטאריעס און שפיטאל־בעטלעך אין פוילען עטליכע מאל פערמעהרט ווערען, צו דעם פעהלען די נויטיגע געלד־מיטלען; עס איז צוליב דעם ענטשטאנען א נויטווענדיגקייט זיך צו ווענדען צו דער בעפעלקערונג אליין, זיי זאלען זיך בעטייליגען און העלפען בעקעמפען די שרעקליכע קראנקהייט.

עס האט זיך צוליב דעם געשאפען א געגען־שווינדזוכט־פעראיין, אונטער'ן פראטעקטאראט פון מלוכה־פרעזידענט מאשטשיצקי. דער פעראיין האט בעשלאסען אין גאנצען לאנד איינצוארדנען זאמעלטעג פונ'ם 1־טען ביז'ן 10־טען דעצעמבער. עס ווערען אויך בערופען צו דער מיטארבייט די וואיעוואדער־קאמיטעטען פאר די געגען־שווינדזוכטס־טעג.

די ערשטע זיצונג פון די וואיעוואדער־קאמיטעטען וועט פארקומען היינט 7 א זייגער אין זיצונגס־זאל פונ'ם מאגיסטראט (פרייהייטס־פלאץ 14).

געזונדהייטס בעדינגונגען פון יוגענדליכע ארבייטער

(2) צווישען די פערזיכערטע אין די קראנקען־קאסעס יוגענדליכע ארבייטער און ארבייטערינס לאזט זיך מערקען א גרויסע צאהל ערקראנקונגען. עס איז צוליב דעם פארגעקומען א קאנפערענץ אין ארבייטס־אינספעקטאראט מיט'ן אנטייל פון פארשטעהער פון דעם קרייז־פעראיין פון די קראנקען־קאסעס מיט'ן סענאטאר דאניעלעוויטש.

אויף דער קאנפערענץ איז בעשלאסען געווארען אכטונג צו געבען אין וואס פאר א געזונדהייטס־בעדינגונגען די יוגענדליכע ארבייטען, קאנטראלירען דעם היגיענישען צושטאנד פון די ארבייטס־אנשטאלטען א. ד. ג. עס איז בעשלאסען געווארען צו זאמלען די נויטיגע מאטעריאלען אין דעם הינזיכט און נאכדעם ארויספיהרען די נויטיגע פעראָרדנונגען כדי צו פערבעסערען די געזונדהייטס־בעדינגונגען ביי דער ארבייט פון די יוגענדליכע ארבייטער.

מיטינגען וועגן אפלעגן די קראנקען-קאסע-וואהלען

ביים בונד

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אפלייגען די וואהלען צו דער קראנקען־קאסע קומט פאר שבת פארמיטאג אין „קינא־זאל" זאכענטא א גרויסער מיטינג א. ד. ט. „פארוואס זענען אפגעלעגט געווארען די וואהלען צו דער קראנקען־קאסע".

אלס רעדנער טרעטען ארויס ראטמ. ליכטענשטיין פערוואלטונגס־מיטגליד פון קראנקען־קאסע ש. מילמאן און ראזאר זעלמאנאוויטש, דער מיטינג, וועלכער דארף אויפקלעהרען די סיבות, פון צוויי מאל אפלעגען די קראנקען־קאסע־וואהלען האט אין די ארבייטער־קרייזען ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס.

ביי פועלי-ציון

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אפלייגען די וואהלען צום ראט פון דער קראנקען־קאסע רופט צונויף דער פועלי־ציון וואהל־קאמיטעט א גרויסען פראטעסט מיטינג. אין זאל פון פילהארמאניע.

דער מיטינג וועט פארקומען מארגען שבת אינדערפריה און אין איהם וועלען זיך בעטייליגען יוסף ראזען פון ווארשא, די ראטמענער האלענדערסקי און ד"ר שיפמאן, ראזאר ציטרינאווסקי, בראנד סטאלארסקי א. אנד.

פון יודישען טעאטער.

די אפערעטע „חלומות פון ליבע" האבען אין היגען יודישען טעאטער, האט ווייטער אליך מעהר ערפאלג.

היינט פרייטאג און מארגען שבת און אווענד ווערט געשפילט „חלומות פון ליבע" מיט נאמי קארעני און ל. ראבינאוויטש אין די הויפט־ראלען.

שבת בייטאג ווערט געשפילט גאלדפאדענס אויסערליכע קאמעדיע „ביידע קוני לעמעל" מיט קאמפאניעץ אין דער הויפט־ראלע.

אין אלע פארשטעלונגען בעטייליגט זיך דער גאנצער אנסאמבל.

מיטץ ארקעסטער און כאר פיהרט אן דער טאלאנטפולער דיריגענט ל. וועלמאן.

פון די קינאס.

„לונא".

אין קינא טעאטער „לונא" איז נעכטען געגעבען געווארען די פרעמיערע פון פראנצויזישען פילם „דער פיגאלע פלאץ אין דער מיטען נאכט" אדער „א ווייב איז א זינד".

דער פילם שילדערט בולט דאס גרויסשטאטישע נאכט לעבען.

„אדעאן" און „קארסא"

אין די קינאס „אדעאן" און „קארסא" געהט זייט מאנטאג דער גרויסער און שעהנער ערשטער פילם פון דער ענגלישער פילם געזעלשאפט א. נ. „דער קרייצער אטלאנטיק".

דאס בילד איז א דראמע אין 10 אקטען, וועלכע שילדערט די טראגישע געשיכטע פון א ענגלישען פלאט אפיציר, זיינע איבערלעבענישען אויף די מזרח ברעגען פון אפריקא.

„קאפיטאל".

אין קינא „קאפיטאל" איז דינסטאג אווענד פארגעקומען די פרעמיערע פון פילם „די דאמע פון דער הינטער וועלט" וועלכע איז א שעהנע דראמע אין 10 אקטען. דער פילם שטעלט אונז פאר די שטאט לאנדאן בכלל, איהרע זעהענסווירדיגקייטען, די טעמזע און איהרע שעהנע בריקען, און דאס אלטע געהטא־פירטעל, שילדערט אויך דאס לעבען פון דער לאנדאנער הינטערוועלט.

די הויפט־ראלע שפילט די געניאלע און אונפערגלייכליכע קינסטלערין דאראטע גיש, וועלכע שפילט אויסערגעוועהנליך.

אויסערדעם ווערט געגעבען אלס נאך פראגראם א 2 אקטיגע קאמעדיע, און א 1־אקטיגע סילוועטען גראטעסקע.

קינא „פאלאס"

אין קינא טעאטער „פאלאס" איז דינסטאג געגעבען געווארען די פרעמיערע פון דעם פילם „דאס געפעהרליכע אלטער", וועלכענס אינהאלט עס איז גענומען פון דעם ראמאן פון דער גרויסער שריפטשטעלערין קארין מיכאעליס.

דאס בילד בעזיצט אויסערגעוועהנליכע שפיל מאמענטען, און שעהנע דעקאראציעס. אויסערדעם ווערט נאך געגעבען א לוסטיגע קאמעדיע.

מעלדונגען

פון די פראפעסיאנעלע פאך-קורסען פון „ארט" אין לאדז

אלע, וואס האבען זיך פערשריבען אויפ'ן שטאפפערייער־קורס ווערען געבעטען אין ביורא פון „ארט", ווייל דער קורס הויבט זיך אן זונטאג דעם 25. נאוועמבער ד. י. 2676

עס ווערען אנגענומען איינשרייבונגען אויף פאלגענדע פאכען, אויף וועלכע עס זענען פערהאן פרייע ערטער: 1) וועש נייען און וועש־צושניידען. 2) האנט־שטיקעריי. 3) שטאפעריי פון טעקסטיל סחורות. 4) רעפארירען פון זאקען. 5) מעכאנישע טרייבען און שפולען צו טעקסטיל סוועטער און זאקען. 6) מעכאנישע וועבעריי, 7) אנדולאציע. 8) מאניקור. 9) קעטלען. 10 מאשין־האפטעריי. 2660

די ביבליאטעק א. נ. פון א. ד. גארדאן ביי „התאחדות" שענקעוויטשא 3—5.

די ביבליאטעק־קאמיסיע איז מודיע, אז עס איז לעצטענס אריינגעקומען די נייעסטע, העברעאישע, יודישע, פוילישע, אויסגאבען און העברעאישע א"י־אויסגאבען. די ביבליאטעק איז אפען 4 מאל אין דער וואך: זונטאג, דינסטאג, דאנערשטאג, שבת פון 7—9 אווענד. מיטגלידס און איינשרייב־אפצאהל איז א מינימאלער, א ספעציעלע הנחה פאר ארבייטסלאזע און שילער. גלייכצייטיג פאדערען מיר אויף די לעזער, וואס האלטען די ביכער לענגער ווי דריי מאנאטען אפצוגעבען אין פערלויף פון 8 טאג, אין נעגענפאל וועלען מיר זיין געצוואונגען פערעפענטליכען אין דער פרעסע די נעמען פון די לעזער און זאויך גריכטליך אויפטרעטען.

2650 די ביבליאטעק־קאמיסיע

ההסתדרות „צעירי מזרחי" קילינסקי 44

פרייטאג־צו־נאכטס פ' ויצא 7 א זייגער וועט לערנען חבר קלובסקי תנ"ך פסוק ישעי'.

שבת־צו־נאכטס 8 א זייגער וועט רעפערירען חבר יעקב קראקאווסקי יודישע היסטאריע עס ווערט געבעטען פינקטליך צו קומען.

די ביבליאטעק ווערט געעפענט די צווייטע וואך דער לעזע־זאל מיט יודישע און העברעאישע צייטונגען איז אפען יעדען טאג פון 8 א זייגער.

מיר פאדערען נאך איינמאל אויף אלע חברים און אויך די פראווינצער חברים צו רעגיסטרירען זיך אויפסניי. 2688 הוועד.

געדענקט איינמאל פאר אלעמאל!
נאר טעל. 36-69
Szybka Pomoc Krawiecka
ul. PIOTRKOWSKA 110 (אין הויף)

אויפפרישען אנ'אנצוג זל. 2.80 א קלייד 2,60 מיט'ן אפנעהמען און אפשיקען. פארבען, כעמיש-וואשען, רעפאראטורען, איבעראר-בייטונגען און קינסטליך-צערעווען. אלץ ווערט אויסגעפערטיגט אין א קורצער צייט. אויף יעדען טעלעפ. פערלאנג שיק איך ארוים שיק-יונגע

דער אנשטאלט איז טעטיג פון 5 פריה ביז 1 ביינאכט

אל תתהלל ביום מחר!!
כי לא תדע מה ילד יום.
ליג נישט אפ אויף מארגען

נאר, אז דו דארפסט ערלעדיגען סאנדאוועז זאכען זאלסט גלייך קומען צו לויפען אין ביורא

פעטריקאווער 17 דורכ' גאנג זאכאדניא 52

וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאפט געשריבען לויט'ן אויסמוסטער אלערליי בריווען, קלאגזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטאט אין פוילען, אפעלאציעס ציווילע און קארנע אפא-זיציעס, אדוואלאניעס, רעקורסען וועגען דירה אין אירושאנד-ראזיעמסעי, וועגען מעספר אין קאמיסאריאט-רושאנדיי און אלע פאליציי-בעצירקען, אקטען אינטערציזיעס, אקטע דארא-וויזנעס, קארנע ספראוועס, ווי אויך אי-בערזעצונגען אין אלע שפראכען. כפעציאליטעט פון שותפות-אקטען.

מיט אכטונג
י. מאנעלא רעכט-קאנסולענט.

לעטשניצע „זדראוויע"
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
נאוואמיעסקא 3 (ווסכאדניא 13)
טעל. 37-76.

אויגען	דר. כראוש	3, 4, זונטאג 10½ 11½
נערווען	דר. בראניסלאוו פרענקל	12½-1½ חוץ פרייטאג
מאגן און קישקעס	דר. אל מארגאליש	2—3 חוץ זונטאג און דינסטאג
אינער-ליכע	דר. גיביאנסקי דר. ראז דר. לעווי דר. כאן הענריך	9½-11½ זונט. פון 9½-11 12—2 זאנטאג 12—1 3-4½ זונטאג 1—2 11—12 זונטאג 11—12
קינדער	דר. פאלאוועיטשיק ארק. דר. מאשקאכא דר. פרעכנער	11—12½ און 4½—5, זונטאג 12—2 1½-2½ זונטאג 10-12½ 5-6½ זונטאג 9-10½
כיירורגיש.	דר. פערלים	12-1½ 6-7½ זונט 11-1
פרויען	דר. ארענסאן דר. אייגעראזא	12—1 זונטאג 12—1 10½—11½ דינסטאג 12½-1½ חוץ פרייטאג
אויערן נאז האלז	דר. ראבינאוויטש	1—2, זונטאג 12—1½
הויט און ווענערי-שע	דר. פאלק דר. זאנענבערג	3½-4½ זונטאג 9-10 11—12 זונטאג 10—12
רענטגע-נאלאג	דר. קיילבאז	3—7
מעד.-אנא-ליזען	דר. מ. כאצען	

וויזיטען אין שטאט, פאקען-שטעלען. רענטגע-נאגראפיע. זעמטליכע דורכשטראלונגען (קווארץ לאמפען). די לעטשניצע איז טעטיג פון 8.30 פריה ביז 7.30 אוונד. זונטאג — פון 30.8 ביז 2 נ. מ.

אפעראטאר פון ארטשיסקעס
שילער פון פראפעסאר ווערנער בעזייטיגט אהן שמערצען אדטשיסקעס און פערהארטעוועטע הויט אין פערלויף פון א פאר מינוט. צוגענגליכע פרייזען.
בעשטעלונגען נעמט אן נאר 2555
Perfumerja „CELINA", Piotrkowska 200.

מאטארען פון האלבע פערדע-קראפט
1 פאזאווע צו שטולמאשינען, קרייצמאשינען און אנדערע קליינע מאשינען עמפפעהלט פון לאגער
Przedsiębiorstwo Elektrotechniczne
„OHM" Piotrk. 82, tel. 60-34
מאנטירונג איך פערלויף פון 2 טעג.

קנאבען
מיט גוטע שטימען, ווערען געזוכט אין דער סינאגאגע, אל. קאשטשושקי.
צו מעלדען זיך יעדען מיטוואך פון 5-6 אווענד אין דער פראבע-שטוב. 2621

וואָרנונג!
אזוי ווי עס האבען זיך בעוויזען אין שטאט פערשידענע נאכגעמאכטע פעלד-בעטען, מאך איך בעקאנט דאס געעהרטע פובליקום, אז די עכט-פאטענטירטע **בעטען** עכט-פאטענטירטע
זענען מערזעהען נאר מיט דער שוץ-מארקע

PALMA-PATENT

פאר וועלכע מיר זענען פעראנטווארטליך ביז 3 יאהר.
— צו בעקומען אין אלע געשעפטען. —

אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל

ניקעל-בעטען,	אמעריקאנקעס,
ניקעל-קינדער-בעטען,	קינדער-וועגעלעך,
טיש-בעטען,	קינדער-בענקעלעך
מעטער-מאס,	אויף רעדלעך.

מאטראצען געבעטע, שאטקאווע און קאנאדיסקע. קאזעטקעס און טאפטשאנעס.

בעמ.: בעטלעך מיט ווענטלעך ווייס אדער ברוין 17 זל., פאלאווע-בעטלעך 14 זל. רעיעלע בעהאנדלונג. :: פאבריקס-פרייזען. :: זעמטליכע רעפעראטורן.

הורט! לאדז, פאלנאצנא 24, טעל. 31-85. דעמיילן!

Swat(ka)
mający znajomości w lepszych domach, proszony jest podać swój adres w „Folksblacie" pod „Zaraz".

א מאטורזשיסט
מיט 8 קל. בילדונג, בעהערשט גרינדליך די פוילישע, דייטשע און פראנצויזישע שפראכען, ערטיילט לעקציעס גאראנטירט פאר גריכדליכען ערלערנען פוי-ליש אין משך פון 36 לעקצ עס צו ווענדען זיך בי זאלצמאן 24 אלעקסאנדראווסקא 24

א געוועלב
— ווי אויך —
א שטוב מיט א קיך
פון זאפארט צו פערמיטען זאמענהאף 6 ביי פרידמאן.

א שטיבעל
צו שלאפען פאר אנשטענדי-גע יונגעלייט ביי אנ'ארנט-ליכער פאמיליע איז צו פער-דינגען. צו ערפאהרען ביי וויינשטאק, קאמיענא 9

א קאסע - שראנק
געפאנצערט אין פרייזוויר-דיג צו פערקויפען. צו ערפאהרען וואלבארסקא 4 ביים ווירט. 2655

א קוואליפיצירטער צושניידער
פון מענער-קאנפעקציע וויל טוישען זיין ביז-איצטיגען פאסטען. אפער-טען אונטער „צושניידער" אין אדמ. 2647

אנ'ערשטקלאסיג גוט-איינגעפיהרט
געשעפט
אין צענטרום פון שטאדט איז אבערייזהאלבער זאפארט איבערצוגעבען, מיט 2000 דאלאר קען מען צוטרעטען. אפער-טען אין אדמ. אונטער P. G.

א פלאץ
ביים פלאץ קאשטשעלני 7 אין בעסטען האנדעלס-פונקט איז פון זאפארט צו פערפאכטען.
צו ערפאהרען קאשטשעלנא 3 ביים ווירט Stachlewski

א שותף
מיט א קאפיטאל צו אנ'-איינגעפירט מעבעל געשעפט, וואס עקזיסטירט שוין עטליכע יאהר, ווערט גע-זוכט, כדי צו פערגרעסערן דאס געשעפט, אפערטען אונטער "שותף" 264

ס'ווערט געזוכט
א מיטנייער צו ערשטע סארט מאגאזין-ארבייט גליבנא 6, וואהנ. 10 ביי ביאלעצקי. 2656

מאניקוזשיסטקע
ווערט געזוכט פאר די נא-הענטסטע פראווינץ אויף גינטע בעדינגונגען. צו ער-פאהרען דרעווגאווסקא 9, א. שטיינהאר. 2645

גרעסערע קעלער-רוימען
צו פאבריקאט ווערט פון זאפארט געזוכט אין שטאט. אפערטען אין אדמ. אונ-טער ליטערע "K" 2600

ס'ווערט געברויכט
א קוואליפיצירטע סווימער-נייהערין
זאפארט זיך צו מעלדען ביי שפינדלער ווסכאדניא 19

שניעגאווצעס
צו רעפערירען ספעציאליסט איז נאר ווסכאדניא 61 פראנט אין לאדז ביים שירם-מאכער.

— א —
טישלער געזעלען
ווערט געזוכט ביים טיש-לער זגערזשער 44.

א קוואליפיצירטע וועש-נייהערין ווערט געזוכט. ביי חיראדאמסקי דרעוונאווסקא 4

א געוועלב
מיט 2 שטובען און קוך אדער דאס בלויזע גע-וועלב אין דער געגענד פון גרינעם מארק איז אי-בערצוגעבען פון זאפארט. צו ערפאהרען זשעלאנא 38 ביי פריוזרמאן 2665

קוואליפיצירטע סוויטער-נייהערינס
ווי אויך לערן-מעדלעך ווע-רען געזוכט ביי גוטמאן מינדאל, נאווקא 17, 2 טער שטאק. 2685

זשירזשנער
— און —
דאמען שניידער ווערקשטעל
מ. ברייטשטיין
זגערזשער 24
עס ווערען אנגענומען בעשטעלונגען פון אייגענע און אנפער טרויטע סחורות. צוגענגליכע פרייזען בעסטע בעדינגונגען

Tu 63-30
„POGOTOWIE KRAWIECKIE" KIERSZA
אפען פון 5 פריה ביז 1 ביינאכט
פרישט אויף
גארניטורען . צו — 3 זל.
קליידער . . „ 2.80 „
פאלטענעס . „ — 3 „
איינשליסליך מיט אנגעמען און אבשיקען.
פארבען, כעמיש וואשען, איבערווענדען, איבער-מאכען, רעפעראציעס און קינסטליך פערצערעווען

לאמפען
עלעקטרישע
אין א גרויסען אויסוואהל
פון אייגענע אויסארבייטונג
פון בראנז
פון די נייעסטע מאדעלן עמפפעהלט

A. REJDER
ווסכאדניא 56, טעל. 67-64.
בעקוועמע בעדינגונגען
קאנקורענץ-פרייזען.
בעמ.: רעפעראטור און איבערא בייטונג פון פערשידענע לאמפען.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט
זגיערסקא 17 טע. 16-33.

ד"ר ראקאווסקי	נאז האלז, אויערן קר.	10—11 2—3, 6—7
ד"ר רוזשאנער	הויט און גשלעכט קר.	10—11 1—2
ד"ר גאלדשטיין-פאלאק	אויגען-קראנקהייטען	1—2, 7—8
ד"ר יוסמאן	נערווען קראנקהייטען	12—3
ד"ר ראזענצווייג	קינדער-קראנקהייטען	10—12 4—5
ד"ר שפירא	פרויען און געבורטס-הילף	11½-1 5—6
ד"ר קאנפאר	כירורגישע-קראנקהייט.	4-5 זונ. 1—2
ד"ר איינבערג	אינ. חערה, לונגען-קר.	11-1 5½—7
ד"ר טאופעל	רענטגען	10—12 4—6
א. גראדזענשיק	צאהן-ארצט	5—7
י. ראזעס	צאהן-ארצט	6—8

צאהן-פלאמבירונגען, באלאטאנגען, קראנען, מעטאלן א. א. ד. אין דער לעטשניצע איז בעפינדט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט
אמבולאנס פון הויט קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט רענטגענשטראהלען, פאר בעשטראהלונג און דורכלייכטונ-גען, קווארץ-לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטראזאציע, אלע מעדיצינישע אנאליזען. א קורס פאר שוועסטער. טעלעפאנישע בעשטעלונגען (שוועסטער) פון 4—5 נאכמ.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.
וויזיט אין דער שטאט.

ערצטליך-קאסמעטיש. קאבינעט
פרל. מ. מארקוס נעהמט אן פון 5—7 אווענד

שפארט געלד!

קויפט
שירמס, שטעקענס
נאר אין דער ווערקשטעל פון
ס. פייגענבוים, נארוטאוויטשא 19
וועיל איהר קענט דארט קויפען מיט 25% ביליגער ווי איבעראל.
אכטונג! עס ווערען אנגענומען אלערליי רעפעראטורען און דעקונג.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און דענטיסטישער קאבינעט.
בזשעזשינער 11, טעלעפאן 37-63
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד"ר חאלינסקי	נאז, האלז, אויערן קר.	3—4
ד"ר כערשנער	קינדער קראנקהייטען	9-11 3-4½
ד"ר שיפמאן	אינערליכע קראנקהייטען	11—1
ד"ר לוביטש	הויט און גשלעכט-קר.	12½—1½
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	1—2
ד"ר גאלדבלאט	אויגען-קראנקהייטען	12½—1½
ד"ר עליאסבערג	כירורגישע קראנקה.	1—2
ד"ר בערנסאן	פרויען און געבורטס-הילף	3—4

פסיכא-טעראפיע, שפראך-שטערונגען, ווי שטאמלען א. א. ווי פעקען-שטעלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראהלונג מיינ-שפריצונגען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראציעס. אויף ערלויבנג—היזיטען אין שטאט.—אין לאבאראטאריום ווערען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, ווי אויך פלעגמא און בלוט
אימפונגען געגען שקארלאטין.

ד"ר לאזשינסקי סטאמאטאלאג
צאהן-ארצט 10—1 3—6
קינסטליכע ציין, קראנען, מאסטען א. א. וו.

די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאג.

Dr. med. H. NADEL
פיעטרקאווער 17 טעל. 86-68.
ספעציאל-ארצט פאר אינערע קראנקהייטען.
נעמט אן פון 4 ביז 6 נאכמיטאג.

CASINO

O gdybym kiedy dożył tej pociechy,
Żeby te księgi zbłądziły pod strzechy...

הײַנט און פֿאלג. טעג!

מעכטיגע פּוילישע פילם=עפּאפּיי, רעאַליזירט לױט׳ן אונשטערבליכען מייסטערווערק פֿון ADAM MICKIEWICZ

PAN TADEUSZ

רעזשי: Ryszard Ordyński

מיט דעם פּראַכטפֿולען ע־ראָן=מייס=טערווערק האט די פּוילישע פילם=פּראָדוקציע געפייערט דעם X=יעהריגען יום=טוב פֿון אונזער אונאבהענגיגקייט

עס נעהמען אנטייל די בעריהמטעסטע פּוילישע אַרטיסטען – מיט ŁUCZEWSKI אין דער ראָלע פֿון מאַרשאַוש און ZAJĄCZKOWSKA אין דער ראָלע פֿון זאָשאַ אָדער שפּיץ

אָנהויב 4,30 נאָכמיטאַג. ארקעסטער אונטער דער לייטונג פֿון ה׳ לעאָן קאַנטאָר. אָנהויב 4.30 נאָמיטאַג.

שבת און זונטאג פֿון 12 ביז 3 אַזייגער נאָכמ. זענען די פּרייזען פֿון די פּלעצער 50 גר. און 1 זלאָטי

קינא=טעאַטער „CAPITOL“

רוג זאוואדזקא און זאכאדניא.

סימפאָנישער אָרקעסטער מיט׳ן אנטייל פֿון אָרגאַנען אונטער דער לייטונג פֿון ק. בייגעלמאַן.

הײַנט פּרעמיערע! בעריהמטע עקראַן=טראַגעדיע: DOROTA GISH אין דער דראַמע א. נ. הײַנט פּרעמיערע!

„די דאַמע פֿון הינטער=געסער“

פּערבאַטענער קווארטאַל פֿון לאָנ־אָנער LIMHOUSE / מיידלעך צו פּערקויפען / די וועלט פֿון דער ענגלישער אריסטאקראַטיע / נאַכט=פּערוויילונגען אין דער טעמזע. – פּרייזען פֿון די פּלעצער אויפ׳ן ערשטען סעאַנס אין געוועהנליכע טעג, ווי אויך שבת, זונטאַג און יום־טוב פֿון 1 ביז 3 אַ זייגער נאָכמ. זענען די פּרייזען 50 גר. און 1 זל.

GRAND-KINO

הײַנט פּרעמיערע!!! הײַנט פּרעמיערע!!!

Emil Jannings

אין 2-טען אמע־ריקאַנער פילם:

זיין לעצטער בעפֿעהל

די מעכטיגע קרעאַציע, וועלכע איבער־שטייגט דעם גישט-לאַנג דעמאָנסטרירטען פילם „דער איבריגער מענש“

אין 2-טען אמע־ריקאַנער פילם:

פּאַספּאַרטו׳ס און הנחה-בילעטען – נישט גילטיג. אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פֿון ה׳ ב. קאַנטאָר. אָנהויב פֿון די פֿאָרשטעלונגען: 4.30 נאָכמ.

קינא-טעאַטער „PALACE“

Piotrkowska 108.

הײַנט און פֿאלגענדע טעג! די ערצעהלונג פֿון KARIN MICHAELIS אויף אונזער עקראַן א. נ.: הײַנט און פֿאלגענדע טעג!

„די געפֿעהרליכע עלטער“

Bernard Goetzke i MARJA PANDLER

Karin Michaelis וועלכע האָט מיט איהרע אויפטריטען אין לאָדז געהאַט דעם גרעסטען ערפֿאָלג. אין די הויפּט-ראָלען:

עראָטישע דראַמע געשאַפען אויפ׳ן גרונד פֿון דער ערצעהלונג פֿון דער בעוואוסטער דענישער שריפטשטעלערין

אָנהויב 4 אַ זייגער נאָכמיטאַג, שבת און זונטאָג פֿון 12 אַ זייגער מיטאָג. אויפ׳ן ערשטען סעאַנס זענען אַלע פּלעצער צו 50 גר. און 1 זל.

LUNA

הײַנט פּראַכטפֿולע פּרעמיערע! הײַנט פּראַכטפֿולע פּרעמיערע!

פילם=מייסטערווערק פֿון דער בעריהמטער פּראָדוקציע GAUMONT אין פּאַריז

פּלאַץ פּיגאַל אין מיטען דער נאַכט

(פּרוּי, איך זינד)

ריהרענדע געשיכטע פֿון אַ מענש, וועלכער איז אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין אָרימקייט דורך דעם חשק צום לעבען און גענוס לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פֿון Maurycy Decobry

אין דער הויפּטראָלע MIKOŁAJ RIMSKIJ אין דער הויפּטראָלע

די אַקציע שפּילט זיך אָפּ אין די אויסגעלאַסענע מלינות, וועלכע געפינען זיך נעבען פּלאַץ פּיגאַל אין פּאַריז.

גרויסער סימפ. אָרקעסטער אונטער לייטונג פֿון ד״ר. ה׳ Teodor Ryder. שבת און זונטאָג פֿון 12–3 נמ. פּרייזען פֿון אַלע פּלעצער צו 50 גר. און 1 זל.

אָנהויב 4 אַ זייגער נאָכמ, שבת און זונטאָג 12 אַ זייגער בייטאָג, לעצטער סעאַנס 10 אָוו.

פּאָפּולערע פּרייזען פֿון די פּלעצער.

אויפ׳ן ערשטען סעאַנס פּרייזען פֿון די פּלעצער פֿון 1 זלאָטי אָן.

ODEON

הײַנט און פֿאלגענדע טעג! דער 1. פילם פֿון ענגל. פּראָדוקציע 1928-29 א. נ.

„די פֿאַנצערשיפֿ אַטלאַנטיק“

דראַמע אין 10 אַקטען, וועלכע אילוסטרירט דאָס לעבען פֿון אַ פּלאַט-אָפיציר אין קאַמף פֿאַר עהרע און ליבע. אין די הויפּטראָלען: Liljan Oldhand i Henry Edwards. אויסערן פּראָגראַם: אַ פֿאַרס. אויסערדעם: דאָס פּייערן פֿון 10-טען יאָהרטאָג פֿון פּוילענס = בעפרייאונג אין ווארשא, פּויזען און קראָקע.

WODEWIL

הײַנט און פֿאלגענדע טעג! צום ערשטען מאָל אין לאָדז!

פּראַכטפֿולער פילם פֿון דער נייער פּראָדוקציע א. נ.:

„ראָטשילד׳ס פּאַווערישקע“

(דער פּירשט האָט ערלויבט...)

אין די הויפּטראָלען: LYA MARA, HARRY LIEDTKE, Ernest Verebes, Alfred Abel, Ivette Gilbert

אויסער׳ן פּראָגראַם: אַ פֿאַרס.

CORSO

הײַנט און פֿאלגענדע טעג! צום ערשטען מאָל אין לאָדז!

אין דער סענסאַציאָנעל-אַוואַנטוריסטישע דראַמע, פּראָדוקציע 1928-29 א.נ.: TOM MIX

דאָס געהיימניש פֿון וואולקאַן

אויסערדעם: דאָס פּייערן פֿון 10-טען יאָהרטאָג פֿון פּוילענ׳ס בעפרייאונג אין ווארשא, פּויזען און קראָקע.

אויסער׳ן פּראָגראַם: אַ פֿאַרס

פּ

עלץ = אויסאַרבייטונגען

פֿון אייגענע און אַנפּערטרויטע-וואַרע עמפּפעהלט צום ווינטער-סעזאָן די ערשט-קלאַסיגע קירזשנער=ווערקשטעל פֿון

מ. שאַליט, פּעטריקאָווער 33

צוגענגליכע פּרייזען און גוטע בעדינגונגען. 937

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאָלאָג=אַקושער
גדרוזשער 11.
טעל. 34-72
נעמט אָן פֿון 6–8 אָוונד.

מעבעל

לעזט אויפמערקזאַם! אין אַ גרויסען אויסוואַהל צו ביליגע פּרייזען און אויף גינסטיגע בעדינגונגען.

עמפּפעהלט די פירמע

Z. Bocian, Piotrkowska 41
(w podwórzu)

אַנאָנסען-פּרייז: פּער׳ן טעקסט – 15 גר. פריטאָג און ערב יו״ט – 20 גר. [illegible]
אין טעקסט – 40 [illegible] – 60 [illegible]
[illegible] טעקסט – 1 [illegible] – 15 [illegible]
[illegible] 50 [illegible] 100 [illegible] 10 [illegible]

אַבאָנעמענט-פּרייז: אין לאָדז – 5 זל. [illegible] 6 [illegible]
[illegible] 30 [illegible]
[illegible]

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.
Czcionkami i druk „Najer Folksblat" Piotrkowska 21.